STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02665

# MEGILES YID

M. Knapheys

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה קנאפהייס

# מגילת ייד

לידער
באַלאַדן
פּאָעמען

M. KNAPHAJS

# MEGILES ID

Wiersze, ballady,
poematy

■

Okładkę projektował
Sz. Fogelman
Nagłówki — I. Rajzman

■

PRINTED IN POLAND

■

Wyd. „DOS NAJE LEBN"
WARSZAWA
1948

Składano w druk. Nr 10 w Łodzi. Odbito w druk. „Dos Naje Lebn"
przy C K Ż w P, Warszawa, Tłomackie 5 L—027631

משה קנאפהייס

# מגילת ייד

דאָם בוך איז געוואָרן געזעצט דורך: ש. האַלטער, מ. ווילענסקי, מ. טירמאַן און א. לאַנדוי. מעטראַמפּאזשירט: פּ. העלערשטיין ז"ל, געדרוקט אין דער דרוקעריי פון צ"ק פון יידן אין פוילן, „דאָס נייע לעבן“ וואַרשע, טלאָמאַצקע 5.

הילע פּראָיעקטירט דורך ש. פּ אָ ג ע ל מ א ן.

קעפּלעך פון די אָפּטיילן אויסגעפירט דורך
י צ ח ק  ר י י ז מ אַ ן.

פּאָרטרעט פון מחבר גענומען פון אויסגעגראָבענעם רינגעלבלום־אַרכיוו, געצייכנט אין 1938 דורך  ג ע ל ע  ס ע ק ש ט י י ן — אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.



משה קנאַפּהייס

צייכענונג פון געלע סעקשטיין

*
*    *

מיט ציטערנדיקע הענט און מיט א פול איבערגעגאנגען האַרץ פון טרערן גיב איך איבער דאָס איצטיקע בוך דעם לייענער אין האַנט.

נישט ווי מע גיט דרשה־געשאַנק א יונגע פּאָר, וואָס טרעט אריבער די שוועל אין לעבן אריין, נאָר ווי מע גיט איבער די קינדער די צוואה פון טאַטן, וואָס האָט זיי באַפוילן ווייטער צו טראָגן זיין נאָמען דורך דורות — גיב איך איבער דאָס דאָזיקע בוך.

זאָל עס זיך טראָגן איבער דער לעבנגעבליבענער יידישער וועלט, ווי די לעגענדאַרע טויב האָט זיך געטראָגן צו נחס תיבה מיטן גרינעם בלאַט אין שנאָבל — מיט דער פינצטערער און איינציייטיק־ליכטיקער בשורה:

דער מבול האָט אלץ אראָפּגעשווענקט, פאַרוויסט. נאָר דער דאָזיקער ציטערדיקער גרינער בלאַט — די האָפענונג אויף ווידערגעבורט — דאָס איז אלץ, וואָס איז אונז געבליבן אויף איבערצוענטפערן דעם נייעם דור, דעם דור פון נאָכן מבול.

*   *
*

ארום מיר שפּרייט זיך — א נישט־איינגעשטילטער — דער ים פון אומגליק, אומגעהייערער פּיין און הערצישן געראַנגל. און די שיף פון טרייסט און חסד, וואָס איך פיר אין אָפענעם ים, איז א שיף מיט צעריסענע זעגלען — ווו וועט זי אונז דערפירן אין דער גורלדיקער שעה?

*   *
*

ווי קאָנען מיר איינהאַלטן די טרערן פון אונזערע אויגן, ווען די קינדער פון אונזער פאָלק זענען אזוי אכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן מיט אלע מיתה־משונות, משפחותווייז און מחנותווייז אויעק מיטן רויך. די, וואָס מיר האָבן געקענט, און די, וואָס מיר האָבן נישט געקענט, די, וואָס מיר האָבן געוווּסט פון זיי און די, וואָס מיר האָבן נישט געוווּסט פון זיי.

ואלה שמות... מיט זיי זענען אויך אַוועק מיין מאַמע חנהטשע, מיין שוועסטער טאָבטשע מיט איר מאַן יאַנקל און קינדער יאָסעלע און לאהלע,

מיין ברודער לייב מיט זיין ווייב און קינד, מיין ברודער פייוול מיט זיין כלה, מיין יונגסטע שוועסטער מישקע מיט איר חתן, מיין מאמעס ברודער הסופר והלמדן מופלג ר' חיים יוסף מעטס — דער פעטער יאסל מיט זיין ווייב און דריי קינדער, מיין מאמעס שוועסטער די מומע לייטשע מיטן מאן הארצקע מאנע און זיבן קינדער, מיין טאטנס שוועסטער און ברודער, די מומע דובעשע און דער פעטער הארש מיטן ווייב מיט די זעקס טעכטער.

זיי זענען אלע מיט דער גאנצער משפחה געגאנגען אינעם לאנגן, לאנגן צוג איבער די ווארשעווער גאסן, וואס האט געפירט קיין טרעבלינקע, קיין מיידאנעק און אשוויענטשים.

און די וועלט גייט זיך ווייטער איר גאנג. די זון גייט ווייטער אויף אין מזרח און פארגייט אין מערב. דער זייגער שלאגט ווייטער פינקטלעך אויס די שעהען.—

נאר לעכערלעך זענען די, וואס מיינען, אז די צייט קאן פארשיטן א תהום, און די, וואס ווילן פארגעסן אין אונז, אין אונזער צער און בראך, וועלן אליין פארגעסן ווערן.

* * *

איצט שפאן איך דא אין לאבירינט פון טויט ארומגערינגלט מיט די שאטנס פון די קדושים. פאר מיינע אויגן שפרייט זיך די אויסטערלישע ווסטע פאנאראמע — די שטומע עדות פון א טויזנטיאריק איינגעפונדעוועט לעבן — די שמארצנדיקע פארוויסטע בראכשטיקער, וואס זענען אויסגעפורעמט געווארן אין פייער פון די אויפשטאנד-שלאכטן אין ווארשעווער געטא.

איך עטעם מיטן אטעם פון די גרויסע קעמפער און פון די געפירטע צו דער שחיטה, פון וואנזיניק-פאריאושטן און פון וואנזיניקן בטל-בטחון.

זייער טויט הייסט אונז ווייטער לעבן, אונזער לעבן הייסט נקמה פאר זייער טויט.

מיט אלע מיינע רמ"ח אברים, מיטן פיבערדיקן קרייז-אויסלויף פון צעשריגענעם בלוט בין איך די אפלייקענונג פון טויט פון מיין פאלק, און די באשטעטיקונג פון לעבן, וואס גייט ווידער דא אויף.

* * *

פיר מיך, ליד, איבער דער שמאלער סטעזשקע, וואס איך אליין כויג אויס מיט מיינע אומזיכערע טריט. זיי פאר מיינע צוקונפטיקע טעג דער ווייסער שטעקן ביים בלינדן אין ראנט — כ'זאל נישט געשטרויכלט ווערן אין נסיונות-פולן און אומפארמיידלעכן גאנג צו ווידער-אויפלעבונג און אויסלייזונג, אמן.

משה קואפהייס

ווארשע, מערץ, 1948.

דאָס ליד, וואָס כ׳גיי איצט שרייבן,
זאָל באַשײנען אַלע גוטסן,
זאָל עס איבערבלייבן
פאַר אונזער אַלעמס נוצן.

עס קאָן זיך גראַדע טרעפן:
דאָס גליק ווערט ווי פאַרפאַלן.
דאָס ליד קאָן טון אַן עפן
דעם שליוז פון אַלע קוואלן.

# שפּיל־אויף, ארקעסטער!

# וויפל מיילן...

וויפל מיילן בין איך אָפּגעגאַנגען,
וויפל מיילן האָב איך נאָך צו גיין?
וויפל צייל איך מיינע זון־אויפגאַנגען
און וויפל וועלן זיי ביי מיר נאָך זיין!

וויפל אויגן פלעגן ווי די מעסערס
שניידן אין די נעכט מיין יעדן שפּאַן?
און דער וועג ווערט לענגער אַלץ און גרעסער
און עס דאַכט, קיין סוף איז נישט פאַראַן.

וויפל מאָל די האָפענונג פלעגט דאַרן,
ווי אַ בוים, ווען בלעטער פאַלן אָפּ?
וויפל מאָל האָט עס די נעץ פאַרנאַרן
געוואָלט מיין חלום און מיין קאָפּ?

די נאַכט קומט אָן מיט אַלע, אלע וועגן,
דערקלייבט זיך מיטן חושך אויך צו מיר.
און כ'האָב שוין נישט ביי וועמענען צו פרעגן
און כ'טרעף שוין מער נישט צו קיין טיר.

מיין בלוט ווערט פול מיט פיבערדיקן לויער.
נאָר זיכער בלייבט מיין יעדער טראָט, וואָס כ'שטעל,
און גרייט אויף וואך, — ווען ס'וועט צוריק דאָס טויער
אַן עק טון זיך צו דער גרויסער וועלט.

וואַרשע, 1939.

# חלום...

אויף מיין פענצטער שטייט אַ קראָ
און פּיקט די ווערטער-זשאַרנעס פון מיין ליד.
איך זיץ דערנעבן שווער און מיד
און כ'קאָן איר גאָרנישט טון.
אַ פלעדערמויז — די אומטשרעק —
קרייזט אַרום אין פלאַטער
נידעריק איבער מיין קאָפּ
און כ'קאָן איר גאָרנישט טון.
איך זוך אַ וועג צום חלום, וואָס איז ווייט
און ווייס נישט, אַז איך בין אין אים פאַרוועבט.
אַז כ'הער מיט זיין געהער,
וואָס ער אַליין נאָר הערט
און זע מיט זיינע אויגן,
וואָס ער אַליין נאָר זעט...
אַ שיינע, אַ זילבערנע לוויה
שפּאַצירט אום איבער גאַסן,
ווי אַ שטאָלצע, קעניגלעכע פּאַווע, —
באַזאַכט, געמיטלעך און געלאַסן.
און קיינער פרעגט נישט ווער און וואָס:
אפשר איז עס אַ מענטש,
אַ מענטש פון פרייד און טרערן?
און אפשר איז עס אַ ליד,
וואָס וויל נישט מ'זאָל עס הערן?
און אפשר איז עס אַ סוד,
וואָס וועט קיינמאָל שוין נישט ווערן אויסגעזאָגט.
איך זוך די גרענעץ צווישן וואַך און שלאָף.
איך וויל פון חלום-געוועב אַרויס,
און ווייס נישט, אַז דער חלום איז שוין אויס...
כ'האָב די פלעדערמויז
פון שטוב אַרויס פאַרטריבן,
די קראָ פון מיין פענצטער — פאַריאָגט
און אַליין, מיט זיך אַליין געבליבן
און כ'ווייס נישט:
צי דער חלום איז אַליין אַנטרינען פון די הענט,
צי איך האָב אים אַרויסגעיאָגט?

ווארשע, 1937.

# באַלאַדע פון פאַרבלוטיקטן היטל

דאָס היטל, וואָס כ׳טראָג אויף מיין קאָפּ,
איז אַ פרעמדן מענטשס; ס׳איז נישט מיין.
ס׳פאַלט איבער די אויגן אראָפּ
און פאַרשטעלט מיר די ליכטיקע שיין.

איך ווייס נישט, צי יענער נאָך לעבט,
דער באַלעבאָס פונעם הוט.
ביים וועג ס׳איז געלעגן פאַרפלעקט
מיט פרישע שפּורן פון בלוט.

מיין היטל פאַרלוירן איך האָב,
ווען ס׳האָט אונז געטריבן די שרעק.
מ׳האָט געקאָנט דאָן אַפילו דעם קאָפּ,
דעם קאָפּ איבערלאָזן אין וועג.

און אָט — כ׳האָב געפינען אַ צווייטס,
כאָטש ס׳איז נישט געגנוי אויף מיין מאָס.
עס דאכט זיך מיר, עמעצער שרייט
און שעלט מיך אָן אַ פאַרוואָס.

עפּעס פּלאָנטערן זיך מיינע פיס,
מיר דאכט זיך, כ׳האָב יענעם געקענט...
אָט לויפט מען שוין ווידער, מע שיסט,
איך פיל נישט קיין קראַפט אין די הענט.

איך באַהאַלט זיך.. מסתם אַזוי האָט
אויך זיך באַהאַלטן מיין העלד.
נאָר ס׳איז אים געוועזן אַ שאָד
זיין פאַרלוירן היטל אין פעלד.

און אַרויסגעשאַרט זיך געשווינד
נאָכן היטל... אוי, סארא נאר! —
ער באדויערט עס זיכער אצינד —
ר׳האָט באַצאָלט מיטן לעבן דערפאר.

ס׳איז שטיל. כ׳קריך ארויס פונעם גרוב
באַגאָסן מיט אנגסטן, מיט שוויס.
— איך לעב איך בין גאנץ ... נאָר באַטריבט
כ׳האָב פאַרגעסן, כ׳געדענק נישט ווי כ׳הייס.

עס ווייזט זיך מיר אויס, כ׳בין נישט איך,
כ׳בין יענער, וואָס לעבט שוין נישט מער,
איך טראָג אויך צעריסענע שיך
און האָב מורא פאַרן טויט — איך בין ער.

איך וועל קומען צו יענעם אין שטוב,
ווען דער שטורעם וועט איבערגיין.
נישט אויסזאָגן דעם סוד, אַז אין גרוב
געלעגן איז שוין מיין געביין.

דאָס ווייב וועט טאַנצן פאַר פרייד...
איך וועל אויסטון דאָס היטל און דאן
וועט בלייבן איר בליק ווי פארשטיינט:
— אַ טעות! דאָס איז נישט מיין מאַן!...

זי וועט דריקן דאָס היטל צו זיך
און קושן די פלעקן, דאָס בלוט,
פאַר דער רגע פרייד וועט זי מיך
גלייך הייסן פארלאָזן איר שטוב... — — —

לוצק, 1939.

# ליד צום איינזאמען פויגל

דאָס הייזעלע איז ליכטיק, ווייס,
דער ברונעם שמאָל און טיף און טונקל,
ס׳דעקט בלאָ זיך אָפּ באַגין די ווייט.
דער פויגל מיט זיין לויטער דין קול

שניידט נידעריק אַדורך די לופט...
ער בלייבט פאַרטראַכט שטיין אויף אַ צווייג און
אַ פאַרלאָזענער ער רופט
אינעם הארבסטיק הארבן שווייג.

איך שטיי אַנטקעגן מאָרגנשיין,
מיין בליק כאַפּט אויף דעם בליק פון פויגל,
אַלע פייגל זענען שוין
אַוועק, אַוועקגעפלויגן...

אָ, פויגל איינזאמער, דו וועסט
דאָך איבערווינטערן דאָ קענען.
דו וועסט זיך אויסבויען אַ נעסט,
די פליגל פריי פונאַנדערנעמען.

איך בין דאָך אויך אמאָל געווען
ווי דו פון אַלעמען פאַרלאָזן.
צווישן אָפּגעברענטע ווענט
איז שטיל מיין בענקשאַפט אָפּגעבלאָזן.

ס'איז גוט, דו האָסט זיך נישט געלאָזט
אין וועג... געבליב: אינעם לאנד דאָ...
אָט די, וואָס האָבן דיך פארלאָזט,
ווער ווייס דען, ווו זיי וועלן לאנדן.

כאָטש ס'בלאָזט און שמייסט דער הארבסטווינט איצט
און בלעטער פאלן אָפּ אויף וועגן.
דער הימל, זעסט דאָך, איז באַשיצט,
דו קענסט זיך, פויגל, פריי באַוועגן

עס וועט דיר זיין דיין נייע נעסט
אַ שוץ אַקעגן ווינט און רעגן
און איך פארזיכער דיר, דו וועסט
געפינען שפייז אויף אלע וועגן.

דער פויגל שטומט, ער זיצט פארקלערט,
עס וויגט זיך קוים דאָס הוילע צווייגל.
ער קוקט אויף מיר, אויף אונזער ערד,
ער וועט דאָ ווינטערן פארבלייבן.

ביאליסטאָק, 1940.

# באלאדע פון רידל, פון ערד און פון זיך

איך שטיי אויף מיין אייגן שטיק פעלד,
דעם רידל פארדריקט אין דער האנט.
מיר דאכט, ווי איך וואלט מיט דער וועלט
זיך איצטער, אָט נאָר-וואָס באקאנט.

געפילט האָט נישט קיינמאָל מיין טראָט
די ווייכקייט פון אָפענער ערד.
דאָס מאָגערע גרינס פון דער שטאָט
צומאָל — האָט צו מיר נישט געהערט.

דער טאָג און אפילו דאָס העמד
אויפן לייב איז געוועזן נישט מיינס.
געטראָטן נישט-זיכער און פרעמד
אויף שטומען געפלאסטערטן שטיין.

וואָס האָב איך אין לעבן פארמאָגט?
וואָס האָב איך אין לעבן געהאַט?
איך הער נאָך ס'געוויין און געקלאָג
נאָך לוויות, וואָס ציען באנאכט.

אַ גערטל, אַ ביימל פארשעמט —
געוועזן איז אמאָל נאָך מיין טרוים;
דער בוים, דעם, וואָס איך האָב געקענט,
איז אַ תליה געוועזן, נישט קיין בוים.

צום ערשטן מאָל האָב איך אין האנט
געהאלטן אַ רידל צעפלאמט:
פארשאָטן מיט ערד האָב איך דאן,
אַ חבר — געפאַלן אין קאַמף.

דעם רידל צום צווייטן מאָל כ'האָב
געקריגן מיט פיבער און אַנגסט.
געבויגן איך שטיי און איך גראָב
אקאָפּעס — אַ קבר אַ לאנגס.

אַ וואָלקן-פּראָצעסיע, איך זע,
פאַרטונקלט דעם הימל, די שיין...
ס׳גערדריי פון דער וועלט-קאַרוזעל
געכאַפּט האָט אונז אַלע אַריין..

אַראָפּ וועט אַ האָגל, אַ שלאַקס —
אַ רעגן פון בליי און פון בלוט.
דאָס קבר ווערט גרעסער און וואַקסט...
עס פעלן אויס רידלען און — מוט.

דער שוואַכער און מידער פאַלט אָפּ,
אַ רידל פון האַנט גייט צו האַנט.
צי בלויז נאָר פאַר זיך יעדער גראָבט
אַ קבר, צי אויך פאַרן לאַנד?... — — — —

איך טרייב פון זיך אָפּ יענע שרעק,
וואָס האָט זיך אַ ווייל אומגעקערט.
די ערד ליגט צעאַקערט — עס שמעקט
דאָס נאַקעטע לייב פון דער ערד.

מיין טרייסט ליגט אין דעם, וואָס איך ווייס:
דאָס שלעכטס קאָן נישט האָבן קיין האַפט!
מיר דאַכט זיך, די ערד איז איצט הייס
און אָטעמט מיט לעבן, מיט קראַפט.

געהייליקטע ערד! איך בין דיין,
ווי דיין ס׳איז פון הימל דאָס בלוי
מיין יעדן טראָפּ שוויס זאַפּסטו איין,
ווי זוימען, ווי זון און ווי טוי.

דער רידל איז פאַרזיכטיק, כ׳היט
ס׳זאָל די ערד נישט געשען עפּעס שלעכטס.
איך נעם זיי אַריין אין מיין ליד,
דעם רידל, די ערד מיט איר קרעכץ

פון זיסער נאָכגיביקייט און —
מיין שוויס, וואָס איצט פאַלט אין איר שויס.
ווי די זון נעמט מיין פרייד איצט אַרום
אונזער ערד אין איר גאַנצענער גרויס.

ביאַליסטאָק, 1940.

# ליד וועגן שטאַרבן

כ׳האָב ליב דעם בייט, דאָס שפּיל פון שטומע פאַרבן,
די פאַרבן שפּיגלען זיך אין מיין געמיט.
ווען איך ווייס נישט, אַז מע דאַרף אַמאָל אויך שטאַרבן,
ווי אָרעם וואָלט געווען דאַן מיין ליד.

עס זוכן מיינע פינגער די קלאַווישן
אין דער שטילער שעה, ווען איך דער׳אַן.
אַז מיין לעבן לאָזט זיך לייכט פאַרווישן
און אַז דער טויט איז אומעטום פאַראַן.

איך וואָלט צונויפגענומען אין מיין ליד
דאָס בלוט פון אַלע זון-פאַרגאַנגען, —
זאָל עס לויכטן איבער אַלץ, וואָס איז פאַרגאַנגלעך...

ווען עס וועט דער טויט מיך צו זיך רופן,
זאָל עס דעמאָלט זיין אין מיר די רו פון
דעם עפּל-בוים, וואָס האָט שוין אָפּגעבליט.

פּוכאָוויטש — מינסק, 1940.

# שפּיל-אויף, אָרקעסטער!

שפּיל-אויף, אָרקעסטער, ס'ליד פון אלע גרוילן,
פון בלוט, פון טרערן, פון פאַרצווייפלטע געשרייען
דעם ווייטיק קאָן מער קיינער נישט פאַרהוילן.
דער הימל קאָן מער קיינעם נישט דערפרייען.

מיר האָבן שטיקער לעבנס בלינד געלאָזט פאַרפאַלן.
ווו זענען זיי? ווו קאָן מען זיי געפינען?..
שפּיל, אָרקעסטער, ס'ליד פון לויפן און פון פאַלן...
די פאַרלוירענע, זיי וועלן שוין צוריק נישט קומען.

דער אויסגעפּלייקטער דעמב וועט זומער מער נישט בליען.
פאַראַקערט, ווי מיט זוימען, איז די ערד מיט די געבייטען
פון מיינע ברידער... זייער בלוט פלאַמט-אויף מיט אַלע שקיעהס
איך קלויב נאָך זיי צונויף דאָ די צעטראָטענע געווייגען.

שפּיל-אויף, אָרקעסטער, ס'ליד פון אלע גרוילן,
פון בלוט, פון וואנזין, פון פאַרצווייפלטע געשרייען.
כ'בין אויסגעוועזן אלע דיינע וועגן, פוילן,
דו קאָנסט מיך פון מיין טרויער נישט באַפרייען.

לוצק, 1939.

# אַמאָל איז געווען אַ מעשׂה

# אז איך וועל אויסוואקסן

מיר האָט זיך געדאַכטן, אז ווען
כ'וועל אויסוואקסן, ווערן דערפאַרן
פאַרלאָז איך די היים — די פיר ווענט
און לאָז זיך אין וועג דורך געפאַרן,

דורך מדבר, זומפּן און ים,
דורך אלטע טונקעלע וועלדער.
ביז וואַן כ'וועל דערגיין צו דעם לאַנד,
ווו פרייד און חלום געוועלטיקט.

כ'וועל דער ערשטער דאָרט קומען אַהין,
דורך אַלע געפאַרן — אַ זיגער.
ס'וועט עמעץ מיך פרעגן, ווער כ'בין,
וועל איך זאָגן: — איך בין נישט קיין היגער.

ר'וועט מיר העלפּן טראָגן די פּעק,
פאַרבייגייער גריסן אים אַלע.
מיר גייען... אין מיטן דעם וועג
איז ער פאַר מיר זיך נתגלה:

דאָס איז ער, דער פּירער אַליין,
אַזוי פשוט און פּראָסט און באשיידן,
ווי דאָס ווייסע העמדל פון ליין,
ווי דאָס לאַכן, דאָס גריסן, דאָס ריידן.

דאָ לויפט שוין נישט באָרוועס די פרייד
פון פאַרחלומטע שפּיל־קאַטאַרינקעס
אויף יעדער שוועל איז געגרייט
אַ קריגל וואַסער — נעם, טרינק עס...

כאַטש הערשן אויף וועלט וויל דער רוט,
קיין זאך קאָן צו אים זיך נישט גלייכן;
כאַטש אין וועלט-רינשטאָק גיסט זיך נאָך בלוט, —
עס זענען אזש רויט אַלע טייכן.

עס גייען־אויף פעלקער אין שלאַכט,
עס ראַנגלען זיך לענדער און פאַלן...
דאָס לאַנד דאָ לעבט רויק און זאַט,
מוזיק שפילט אין ליכטיקע זאלן.

איך בין ביי דעם פאָלק דאָ אַ גאסט,
מע זעצט אויבנאָן מיך אַנידער
און כ'ליען פאַר זיי פאַר ווי עס פאסט
מיינע טרויעריק-פארוואַגלטע לידער.

זיי זאָגן מיר באשיידענערהייט:
— דאָ קאָנסטו לעבן און בלייבן,
די שיינקייט, דאָס גוטס און די פרייד
וועסטו אויף דורות באשרייבן.

וואַרשע, 1939.

# ליד וועגן א הונט און א קינד

.1

ליג רויק אינעם קויבערל, ליג
ליג, הינטעלע, שטיל ווי אין פלעט.
ס'זאל דיר נישט איינפאלן צו כאפן א בליק..
איך שמוגל דיך אין א בילעט.

איך פארקויף דיך צו א רייכן אין שטאט,
ס'וועט דיר וויל זיין דיין הינטישע וועלט;
ס'טוט מיר באנג און עס איז מיר א שאד,
וואס כ'מוז דיך פארטוישן אויף געלט.

ס'וועלן מער דיך נישט בייסן די פליי,
מ'עט דיך באדן און צוואגן דיין פעל;
ס'וועט דער ווילטאג פארהיילן דעם ווי —
וועסט פארגעסן דאס דארף און דאס פעלד.

אין א מענטעלע געפאסט אויף דיין מאס —
פארלייקענען וועסטו דיין שטאם;
וועסט זיך האלטן גלייך מיטן באלעבאס
און נישט לאזן אויפן שוועל קיין ארעמאן.

מ'עט דיך איינמעלדן: לאלוש, צי פריץ,
מ'עט דיך רופן מיט א מענטשלעכן נאמען.
וועסט קריגן טעלערלעך קאשע און גריץ
און א שאקאלאד, ס'זאל זיין זיס אויפן גומען.

וועסט מיר אויסשטרעקן א לאפקע ביים טיר.
כ'וועל דיך געזעגענען איליק און גיך...
פאר דעם געלט, וואס כ'וועל קריגן פאר דיר, —
וועל איך קויפן מיין קינד א פאר שיך.

## 2

ביי וועמען אַ קינד איז — אַן אינדזל פון גליק —
חלום און פלאַפּל און שטראַל-געפלעכט;
— זאָג, מאַמע, דו האָסט דאָך דיין קינד אויסגעוויגט,
פאַרוואָס איז עס דיין אויסרייד פון אומגליק און שלעכטס?

וואָס גיסטו דעם קינד דיינס חוץ קלעפּ פאַר געוויין?
אַ קינד דאַרף אַ שטוב, און דייך שטוב איז אַ שטייג —
נישטאָ ווו צו פאַלן, צו לערנען זיך גיין,
אַ שיף פון פאַפּיר און אַ פּילקע פון — טייג.

נו, וואָס זאָל איך טון מיט דיר, יינגעליג, זאָג! —
שטייסט מיט אַ פינגער אין מויל און דו נאָגסט...
פאַרטראָגסט נישט דאָס פאַפּקע-געקעכץ יעדן טאָג,
די מאַמע, וואָס שרייט, און דער טאַטע, וואָס שלאָגט,

די עסשטוב, די שלאָפשטוב, די קיך — אַלץ באַנאַנד.
עס גיסט פון די ווענט, ס׳איז געשוואָלן די שאַנק,
דאָס טישבעט, דאָס וויגל, דאָס קיכל — איז קראַנק,
דאָס פענצטער קוקט בלינדלעך ארויס אויף אַ וואַנט.

עס טאָגט נישט, עס דעמערט נישט, — ס׳לעשט זיך דער גראָ.
די וועלט איז פאַרדומפּן — אַ טוכלער גערוך.
דאָס העמד אויפן לייב, וואָס צעפאַלט, איז די וואָר,
אין אַ מעשהלע, קינד מיינס, קאָן העלפן אַ שפּרוך...

ווען דו וואָלסט אַ הינטל געווען, מיין קינד,
עס וואָלט דיך געקויפט שוין אַ רייכער אין שטאָט.
וואָלסט געגעסן צו זעט, וואָלסט געלעבט ווי אַ פּרינץ...
נאָר צו קויפן אַ קינד — איז קיין בעלן נישטאָ...

ווארשע, 1936.

# באלאדע פון גארדעראביער

אויף דער שוועל פון אַ בויד אויפן מארק
דרעמלט דער פרינץ פון די שלעפער,
פון מאָנומענט אין אלטן פארק
ר׳איז אראָפּ צוריק צו די שלעפער.

און דו האָסט פארלאָזט דעם אָלימפּ,
באַהאָנגען מיט נומערלעך און בענדער,
ס׳האָט דער גורל געפירט דיך בלינד
אין אַ צימער מיט הענגערס און שטענדערס.

אַ באל איז היינט — פריי זיך. דו וועסט
דאָ האָבן אַ פולע גארדעראָבע
מיט מאנטלען פון בעסערע געסט,
פון הערן און דאמעלעך גראָבע.

דו זעסט נישט קיין פּנים, קיין מענטש,
נאָר מאנטלען, צילינדערס, קאלאָשן...
דו שטייסט און דו ווארטסט ביז מע וועט
דיר אריינשטופּן אין האנט די פּאָר גראָשן.

זיי גייען אריין אינעם זאל
און לאָזן דיר איבער זייער שאָטן —
דעם מאנטל, דעם הוט און די שאל
וואָס איז אינגאנצן אין זיי געראָטן.

עס נאָגט דיך, עס רופט און פאַרבעט
די פרייד פון די זאלן, דאָס לאכן...
גיי נישט אריין, ווייל מע וועט
די טיר אונטערן נאָז דיר פארמאכן.

ווייס, ווו ס׳געפינט זיך דיין אָרט, —
צווישן מאנטלען, הוטן און שאלן,
און די זיסע מוזיק פון דאָרט
וועט צו דיינע פיס נישט פאַלן.

זיי טאַנצן דאָרט, טומלען ווי געגדז
מיט סערפּענטין און קאָנפעטי פאַרשאָטן.
זיי פאַרגעסן אין רויש פון די טענץ,
אַז ס׳הענגט אויפן האָק זייער שאָטן.

צעקנאָדערט, צעקנייטשט און צעקרומט,
ווי אין יאַטקע ס׳געשאָכטענע עוף...
אַ שאַלטן אויף שטום־לשון רופט:
— קום, ליבער פריינט, הענג זיך אויף!...
און — אָט גייען די מאַנטלען אַראָפּ,
איינציקווייז — שאָטן נאָך שאָטן.
זיי צעלויפן זיך פון גאַרדעראָב
און ס׳לויפן נאָך שטעקנס און הוטן...

דו הענגסט — אַ געקוילעטער האָן,
דו קאָנסט זיך נישט רירן, נישט שרייען...
אַ שאַל פלאַטערט רויט ווי אַ פאָן,
און זיי תוזקן פון דיר און שפּייען

אין פנים: — אַ רוח אין דיין...
דו תלין, דו הענקער געמיינער!
איצט, ברודערל, הענגסט שוין אליין
און אַראָפּנעמען וועט דיך נישט קיינער.

— אוי, ווו וועל איך נעמען, אַ, גאָט,
אויף אומצוקערן דעם שאָדן,
סיידן ביי דעם, וואָס מיך האָט
פאַרוואַנדלט אין אַ מאַנטל, אַ שאָטן.

דו טענהסט צום אייגענעם האָק,
דו בעטסט זיך, ער זאָל דיך באַפרייען.
און פלוצים — אַ טומל — אַ קלאַנג —
היימישע קולות, געשרייען.

— היי, גאַרדעראָבער!
דעם מאַנטל .. דעם הוט .. די קאַלאָשן!..
און צו וועמען געהער די טרער,
וואָס וויל נישט ווערן פאַראָלשן?..

ווארשע, 1936.

# איך — דער פרינץ פון סמאטשע־גאס

א י צ י ק  מ א נ ג ע ר

איך — דער פרינץ פון סמאָטשע־גאַס
אין צעריסענע שקאַרפּעטן.
מיט לידער-באַנקנאָטן אין מיין טאַש,
ווי ס'איז דער שטייגער פון פּאָעטן.

דעם פראַק, צילינדער אויסגעבאָרגט
פון אַ טעאַטער־רעקוויזיט.
לאָז איך מיך גיין איבער מיין מדינה
אָפּשטאַטן אַ וויזיט.

איך גריס זיך העפלעך מיטן ווינט
און מיט די שענסטע באַראָנעסן.
און ס'אַרט מיך נישט, וואָס מיין ווייב און קינד
שרייען: — לאַכטיקער פּרינץ, גיב עסן!..

און ווייבער-סעדעכעס זיי טענהן:
— פּרינץ פון דער סמאָטשע־רעזידענץ!
העלף דיינע בידנע אונטערטאַנען
מיט דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ...

איך ווער אי טרויעריק, אי בייז
און וויל זיי פּאָרט אָפּזאָגן...
אונטערן קאָלנער קיצלט דער שווייס,
און כ'האָב זיי נישט וואָס צו זאָגן.

דער טאָג פאַרגייט מיט רויטער פאַרב,
און ענדלעך זאָג איך, ענדלעך:
כ'האָב געלייענט ביי איציק מאַנגער,
אַז שטערן קאָנען ווערן רענדלעך.

און תיכף צינדן זיך די שטערן אָן,
ווי אַ נס איבער אַלעמענס קעפּ,
און איך באַפעל: — אַהיים, נאַראָנים!
ברענגט שעפּלעך, עמערס, זעק און טעפּ...

זיי לויפן אַלע — אַ גדולה,
און איך — דער פּרינץ פון סמאָטשע-גאַס —
זאָג פאַר די שטערן אָפּ מיין תפילה
און לאָז זיך גייך צו דעם פּאַרנאַס.

וואַרשע, 1938.

# דער חלום

1

דער חלום קומט צו מיר — אַן אָנגעלייגטער גאַסט.
נישט שטענדיק נעם איך אויף אים ווי עס פּאַסט
פאַר אַ מענטשן אַט אַזאַ ווי איך,
ער טרעפט מיך אָפּטמאָל ליגן אין די שיך.

דער חלום האָט נישט פיינט צו טון אַ שפּאַס,
ער פירט מיך דעמאָלט אום אַ באָרוועסער אין גאַס
ביז דער אָוונט פאַלט צו אומגעריכט
זוך איך אַלץ נאָך איבער גאַסן מיינע שיך.

2

דער חלום, ער באַווייזט זיך נאָר אין שלאָף.
אָנעם שלאָף — וואָס וואָלט געטון דער חלום?
איך טרייב אין פעלד די אויסגעטראַכטע שאָף
און כ'שוועב אַריין און ווער אַ טייל פון חלל.

איך כאַפּ דעם רויך פון אַ לאָקאָמאָטיוו
און בינד מיט אים די הענט און פיס פון חלום,
ער קוועלט פון מיר און שענקט מיר זיך
שפּאַקטיוו —
איך זאָל די וועלט דערזען דורכן חלום.

פוכאָוויטש — מינסק, 1940

# די פשעקופּקע *) מיט קײשל גרינם

די פּשעקופּקע רופט די קונים
מיט אַ הײזעריק קול װי אַ װילדע.
די מײערן און פּיעטרושקעס שטױנען
צום טומל אַרום, צום געפּילדער.

ס'אַ חלום געװען מסתמא —
אין פעלד דאָרט די בלומען, די קרײטער...
די פּרוװן פון נעפּל דערמאָנען,
װאָס ס'איז געשען מיט זײ װײטער...

איצט ליגן זײ דאָ אינעם קױשל
מע גיסט אױף זײ װאַסער פון קיבל,
װי גוט איז געװען אַז אַ מושל
אונז, פּיעטרושקעס, מײערן און ציבל

אונטערן פרײען הימל געכאַװעט,
געװאַקסן, געשמעקט אינעם רעגן...
אַז װײ איז צו אונזער כבוד,
אַז װײ איז צו אונזער געלעגער.

אין שטרױבינד פאַרפלאָכטן, געבונדן...
פון װאַנען װעט קומען דער רעטער?
מע מוז ליגן אין געהאַקטע װונדן
צוזאַמען מיט קנאָבל און רעטעך.

---

*) פּשעקופּקע — הענדלעריז פון גרינװאַרג.

די פּשיצקופּקע איז זיי דערעסן,
פון אויסהערן שבחים — עס איבלט.
— זי וויל אונז פאַרקויפן צום עסן! —
זיך סודעט אַ מייער מיט אַ ציבל.

עס רינצלט די הויט אויף דער ציבל,
די פּיעטרושקע בלייך ווערט און בלאַסער...
און בלאָ פאַר שרעק ווערט דאָס ריבל —
גייט אויס נאָך אַ ביסעלע וואַסער.

די מאַדאַם זוכט מציאות... דער עיקר,
בינטן — גרויס ווי די גאַרבן!
זי ווייסט נישט, אַז ציבעלעס, בריקעוו
און מייערן קאָנען אויך שטאַרבן.

די מאַדאַם ציטערט איבערן גראָשן,
זי זאָל זיך נאָר נישט גענאַרן;
די פשעקופּקע האַלט אַ דרשה,
און דאָס גרינוואַרג — עס זאָל זיי דאָס אַרן

זיי קאָרטשען זיך איין גאָר אינגאַנצן,
זיי ווילן איר גאָרנישט געפעלן, —
אפשר ט׳מען זיי נאָך פאַרפלאַנצן
צוריק אין די ערדישע צעלן.

וואַרשע, 1939.

# דער העלפאַנד פירט דאָס קינד צו די שטערן

דער העלפאַנד פירט דאָס קינד צו די שטערן
אויפן שפּיץ פון נאָז.
ווײנט דאָס קינד מיט גאָלדענע טרערן —
לאָז אים וויינען, לאָז.

דאָס קינד פאַרוואַרפט אַ נעץ אויף די שטערן,
ווערט זי שווער און פול,
אין גלאָז אויפן טיש זיי וועלן זיך מערן —
חלום-פישעלעך-שפּיל.

דעם העלפאַנד בייסט אַ פליג אויפן שטערן,
ער טוט אַ הוסט און אַ נאָס;
דאָס קינד פאַרלירט די נעץ מיט די שטערן
און פאַלט אַראָפּ פון זיין נאָז.

דאָס קינד קומט-אויף פון חלום פון שווערן —
אויפן טיש שטייט ליידיק דאָס גלאָז;
ווײנט דאָס קינד מיט גאָלדענע טרערן —
לאָז אים וויינען, לאָז...

װאַרשע, 1939.

# באַלאַדע פון דער מאַמען מיט דער טאָכטער

ס'איז פרייטיקצונאַכטס און די מאַמע
בישופט מיט הענט איבער ליכט,
זי פירט זיי פאַנאַנד און צוזאַמען,
באַהאַלט אין די הענט דאָס געזיכט.

ס'שטייט הינטערן פענצטער דער אָוונט,
ווי נעכטן — אי וואָכיק, אי פרעמד.
עס קאָן נאָך אַ פרעמדע מחשבה
פאַרשעמען דעם שבת, די ווענט.

— נעם, טאָכטער, לעז-צו ביידע לעדן,
דער שבת זאָל זיין אָן אַ פגם.
דער שבת-פלאַם איז נישט פאַר יעדן,
פאַר אונז בלויז איז הייליק זיין פלאַם.

די מאַמע לייענט הויך צאינה-וראינה,
די ברילןביים שפיץ נאָז זי האַלט.
די שבת-ליכט פלעמלדיק ברענען,
דער פלעמל-שיין הויבט זיך און פאַלט.

די מאַמע אַריבער די ברילן
קוקט פרום צו דער טאָכטער אַהין:
— אין חופה-ווועלאָן וועט זיך הילן
דיין שיינקייט, דיין צניעות, מיין קינד.

די צעפּ — צוויי געפלאָכטענע חלות
מיט מיידלשאַפט יונגער פאַרפלאָכטן.
די טאָכטער אָט פילט זי דעם חלף,
אָט פילט זי זיך גלייך ווי געשאָכטן.

די טאָכטער בלייבט שטיין פאַר שפּיגל
פאַרשעמט פאַרן אייגענעם בליק.
די ליבע קאָן אָנטוען פליגל
און פירן אין היכל פון גליק.

— דו קריכסט בידים אין אומגליק...
איך זע עס, איך פיל עס בעפאַר.
דיין אויפפירונג, קינד מיינס, פאַרטונקלט
דיך מאַמען די עלטערע יאָר.

ס׳פאַרלויפן דער מאַמען די אויגן,
צי איז עס פון בושה די טרער?
דער שאָטן אויף וואַנט אויסגעצויגן,
איר דאַכט זיך, דער שאָטן איז — ער.

— ווילסט ברעכן, חלילה, דעם גדר
פון ידישקייט, פרומקייט און פרייד?
ב׳וועל איפדעוואָך גלייך, בלי־נדר,
דיר קויפן אַ סאַמעטן קלייד.

— איך וויל נישט. איך דאַרף נישט קיין קליידער.
ער נעמט מיך ווי כ׳שטיי און איך גיי.
— ס׳קאָן שאַדטן, מיין קינד... חבלי־לידה...
— נישט דאָן, ווען מען איז זיך געטריי.

— מיין קינד, ס׳וועט דער טאַטע אין קבר
נישט האָבן צוליב דיר קיין רו.
און איך אַליין, טאָכטער, זע, גרוי ווער...
— וואָס קאָן איך דיר העלפן דערצו.

— ווי קאָן מען אַ מאַמע פאַרלאָזן?
— נישט איך און נישט דו ביסט אַ קינד.
דער ווינט האָט געעפנט די לאָדן,
ס׳האָט אַריין זיך געריסן דער ווינט.

די נאַכט הויערט הינטערן פענצטער.
דער ווינט לעשט די שבת־ליכט — אָנט.
דער מיידלשער חלום דער שענסטער
איז שטאַרקער פון ווינט און פון נאַכט.

ביאַליסטאָק, 1940.

# באַלאַדע פון ייד מיט די פאַלשע בריליאַנטן

פאַרנאַכטלעך. פאַרוויגט ווי פון גלעקער
פאַנגייען די מויערן אין טונקל.
אַ ווייסגוואַרדייער און אַ יעקיץ
פאַרנאַרן אַ ייד אין אַ ווינקל.

אַ געסל אַ ליידיקס — אַ פּחד,
ווי ס'וואָלט ווער די מענטשן פאַרטריבן.
דער קאַצאַפּ נעמט אַראָפּ די פּאַפּאַכע:
— אָט דאָס איז פון קייסער געבליבן.

דער ייד האַלט דאָס גליק אין דער האַנט —
צוויי גרויסע בריליאַנטן ווי אויגן. —
אים האָט זיך זיין קינדהייט דערמאָנט,
וואָס איז אַזוי איילנדיק פאַרפלויגן.

אין אַ שויב אויף אַן אויבערשטן גאָרן
אַ זונפלעמל לעשט זיך און צינדט...
אָט לויפן, אַנטלויפן די יאָרן,
פון ייד ווערט אַ ייִנגל, אַ קינד,

וואָס זוכט אינעם רינשטאָק זיין מזל,
אַ מציאה, אַן אוצר אין מיסט,
ווי נאָכן אייגענעם עקל אַ מייזל
דרייט דיך און יאָגט זיך אומזיסט.

און איינמאָל שוין שפּעט ביידערנאַכט —
צוויי גלי-פלעמלעך הויך אויף די שטיגן
— אַן אוצר!.. און נישט לאַנג געטראַכט
אַ תּפילה געזאָגט מיט אַ ניגון,

אַז ס׳זאָל נישט דער אוצר אַנטרינען,
דאָס היטל אַ וואָרף געטון קודם
און פון אוצר — אַ קוויטש מיטגדריגען..
ס׳האָט אַ קאץ גאָר געקוקט פונעם בוידעם.

וואָס האָט זיך דער אוצר דער פאַלשער —
די צווייַ קעציִשע אויגן — דערמאָנט אים?...
ער וויגט זיך איצט ווי אַ פאַרחלשטער
מיט די צוויי גרויסע בריליאַנטן.

— ס׳אַ שאַדע, רב ייִד, ס׳זאָל אַרייַנפאַלן
אַזאַ אוצר אין פרעמדע הענט —
טענהט דער דייַטש — כ׳האָב אַן אייַנפאַל, —
דאָס איז דאָך אין אונז נאָר געווענדט:

איר וועט אויסצאָלן דרייַ הונדערט,
די אַנדערע דרייַ וועל איך געבן.
אין שותפות פון גאָט איז באַשערט אונז,
זאָ וואַר מיר ביידע לעבן.

דעם ייִד ווערט דער קאָפּ אויש פאַרדרייט
פון מזל, פון גליק, פון פאַרמעג.
די נאַכט טיילט אים אָפּ פון די לייַט,
וואָס שווימען אין חושך אַוועק.

דרייַ־הונדערט גילדוינים ממתקים —
געציטערט, געציילט ביז אַ גראָשן.
אַ בליק... אין די שלייפן ניצמט האַקן:
די בריליאַנטן זענען קאַלט, אויסגעלאָשן.

פון רוסלאַנד האָט זיי דער פאַרשוין
די בריליאַנטן געשמוגלט — דאָס ווייס איך.
די שענסטע פון דער צאַרישער קרוין,
פונעם לעצטן רוסישן קייסער.

ווי ס'האָט אים דאָס דייטשל פאַרשמייעט,
פאַרחושט און פאַררעדט אים די ציין.
דאָס גליק קאָסט אַביסעלע טייער —
דאָס גליק, וואָס מע קויפט זיך אַליין.

דער ייד אָנגעשפאַרט אויף זיין שטעקן
שטייט פינצטער ביים שיין אויפן ראָג.
אויס ווייסגוואַרדייער, אויס יעקע,
גיי זוך דעם פאַרגאַנגענעם טאָג.

ווו און ביי וועמען זיך פרעגן?
ס'האָט נאַכט אַלע וועגן פאַרשפּאַרט.
צי באַוויינט ער דאָס געלט — זיין פאַרמעגן,
צי דעם חלום, וואָס האָט אים גענאַרט.

ס'איז ליידיק די גאַס און ס'איז שפעט,
עס שטייט נאָך אין אומגליק דער ייד.
ער קוקט אויף די גלעזלעך און זעט:
צווי קעצישע אויגן צעגליט...

וואַרשע, 1937.

# כ׳האָב די פרייד פון מיין ליד

כ׳האָב די פרייד פון מיין ליד און דאָס בלאָ פונעם טאָג
פאַר אַ ברויט מיט אַ הערינג פאַרמשכונט.
קומט מיין ליד מיר אַנטקעגן — דערקען איך עס קוים,
און טאָג פאַר מיין שוועל ליגט פאַרעקשנט.

ווער ס׳קאָן פאַרהאַלטן דעם גאַנג פונעם רויך
וועט אויך קאָנען מייך משכון אויסקויפן.
כ׳וועל די שטערן צונויפקלייבן פיל אין אַ זאַק
און אַוועקטראָגן אין מאַרק צו פאַרקויפן.

וואַרשע, 1936.

# כ׳האב הײנט...

כ׳האָב הײנט אַ פֿאַרהאַרעװעט פֿערד
געגלעט מיט אַ ליבלעכער האַנט;
אױך מיר, װי דעם פֿערד, איז באַשערט
צו שלעפּן דאָס לעבן אין שפּאַן.

װער קאָן פֿילן די פֿרײד פֿון אַ פֿערד
פֿון כאָמעט, פֿון שפּאַן אױסגעשפּאַנט...
ס׳איז די פֿרײד — פֿון אַן אױסגעשפּאַנט פֿערד —
מײַן חלום, װאָס שאַרט זיך בײַם װאַנט...

.1936

# ווען נישט

ווען נישט די פעדעמלעך גראָז,
וואָס מאַכט דאָס פעלד פאַר אַ פעלד:
ווען ס'וואָלט נישט געווען קיין גלאָז
דורכוואַנען צו זען די וועלט, —

וואָלט אַנדערש געווען די פרייד,
דער זין פון אומגליק און גליק;
די ליבע, דער חלום, די צייט, —
וואָס פירן דעם מענטש פאַר אַ שטריק.

.1936

# וואס זאל דער לאמער טון?

וואָס זאָל דער לאָמער טון מיט זיינע לאָמע פיס?
און מיט זיין קרומען שכל וואָס זאָל טון דער נאר?
איך פארן בלינדן איז דאָס זיסע — זיס,
דער הויקער טרעט איך אויף אַ גלייכן טראָטואר.

די קלאָרקייט וואַקסט אַרויס פון נעפל, פון קאָשמאַר.
די קלאָרקייט קאָן אַליין נישט קלאָר זיך מאַכן דעם „פאַרוואָס"
און דעם „דערפאַר".
דער זעלבסטמערדער, וואָס לייזט זיך אויף אין טויט
אָן טרערן און אָן צער,
קאָן גלייך נישט קוקן אין די אויגן פון דער אייגענער געפאַר.

1937

# האַרבסט

אומעטיקע פּי,
אומעטיקע פּיטערער.
וועלקנדיקער גרין,
האַרבסטיקער און ביטערער.

קראַקנדיקע קראָען
איך בלינדן קרומען קראָען-קרייז.
צו וואָלקנס שווערע, גראָע
אַ קראָ דעם שנאָבל שאַרף פאַרייסט...
האַרבסט.

.1937

# לוויה

אין שוואַרצן קאַסטן ליגט פאַרמאַכט
אַזוינס, וואָס האָט געליבט, געוועזן מענטש,
גערעדט, געשריגן, געבייזערט זיך, געלאַכט, —
ליגט אין שוואַרצן קאַסטן שטום פאַרמאַכט.

פון הינטן שפּאַנט אַן אַלטער מאַן
געבויגן שטיל און בלינד
און ער פילט נישט אונטער זיך די לעבעדיקע ערד...
פון פאַרנט אויפן טויט־געשפּאַן
צעכראַסטעט זיצט אַ קינד
און פרייט זיך ווי עס גייט אין שפּאַן
דאָס גרויסע, שוואַרצע פערד.

.1937

# רעגנליד

ווינטן בינדן רעגן-סנאָפּעס,
שליידערן צו ווענט,
און יינגעביימלעך ראַנגלען זיך,
ברעכן זיך די הענט.

טאָפּאָלן ביי די וועגן — ווילד,
צעטומלטע פון שרעק, —
טרייסלען זיך און רייסן זיך
און קאָנען נישט אַוועק.

בליצן צאַפּלען אויף-און-אָפּ —
אויף מעסערס אַ געפּעכט...
עמעץ רייסט די קרוין פון וואַלד
און שליידערט זי און ברעכט...

ס׳הענגט יעזוס אויפן קרייץ ביים וועג
און זידלט וועמען גראָב;
דער אַלטער קרייץ — אַט ברעכט ער זיך,
אַט וואַרפט ער אים אַראָפּ.

און עס לויפן רעגנס אָן —
יואַיענדיקע הינט;
אַ סטאַדע נאָך אַ סטאַדע לויפט
געטריבענע פון ווינט.

אין פּענטעס שפּרינגען פערד, און קי
יאָמערן הילפלאָז בלינד;
אויף בערגל ליגן שטום פּאַרטוליעט —
הונט און פּאַסטעך־קינד.

.1936

# רויבפייגל

1

ווי רויבפייגל קומען זיי זונטיק אין דארף,
צעלייגן א פייער אין מיטן פון מארק
און לאזן אין טאנץ א פיגורל פון וואקס —
א ייד אין א שטריימל
מיט פיאות און בארד —
א ייד — א פארשווין.
ראנגלט און שמעלצט זיך דער ייד אין די פלאמען
און קומט אום צוזאמען
מיט הענט־פאטשעריי
און חוזק־געשריי
פון המון.

ווי רויבפייגל קומען זיי זונטיק פון שטאט
און גייען פון כאטע צו כאטע אין געסט.
זיי צינדן א פייער אין הארץ פונעם פויער —
פון האס און פון אומרו — א נעסט.
דאס הייליקע מוטערל דרעמלט בארוט
אין הייליקער שיין,
דאס הייליקע מוטערל ווייסט נישט און זעט נישט,
אז פלעשער מיט בראנפן, מיט ווין
זענען געגרייט אויפן טיש
צו צינדן דעם חשק
נאך מארד און נאך בלוט.

2

דער שיכור גייט שיכור אינמיטן דער גאס,
דאס מעסער פארשטעקט ביי דער זייט.

### 3

דריי שוועסטערן-נאָנעס
אין שוואַרצן געקליידט
גייען שלאַנקע און שטומע ווי שאָטנס פאַרביי.
די זילבערנע צלמים —
די שליסלען צו זייער געוויסן —
באַמבלען זיך נאָכלעסיק נאָך ביי דער זייט,
און די שוואַרצע טיכער אויף זייערע קעפּ
פלאַטערן שוואַרץ
ווי די שרעק.

### 4

רויטער אָפּשיין פון געצונדענע ליכט
קלעטערט אויף נאַקעטן מויער.
רויטער אָפּשיין פון געצונדענע ליכט
באַלייכט אַ בלענדיקן ברעג פון אַ דאַך —
אַ חלף אַ לאַנגער צעגלאַנצט
אויפן טיש פון דער נאַכט.
אין קלעפּיקן חושך אין טויבן
האָט אַ ריזיקע לאַפּע פאַרהויבן
דעם פלאַקער פון נאַקעטן מויער
און אַ שליידער געטון צו דער ערד —
צו די פיס פון דער נאַכט.

### 5

ווי רויבפייגל גייען די צוריק אין דער שטאָט
און לאָזן נאָך זיך:
אַ רויך פון ציגאַרן און אַ רויך פון רייד,
אַ ריח פון וואַקס און אַ ריח פון בלוט,
און לבנה-האַק בלאַנקט אין פאַרהויבענער האַנט
פון נאַכט.

וואַרשע, 1939.

# אמאל איז געווען א מעשה

## א. יינגל־יאָרן

מײַן וויג האָט זיך געוויגט אין רו פֿון פּאָר אַ שטורעם,
ווי משה אינעם קעסטל אויפֿן נילוס.
ס׳יאָר ניינצן-פֿערצן זע איך לויפֿן ווי מטורף
אין שפּיץ פֿון שאָטנס קרעכצנדיק אויף קולעס.

איך האָב די קינדער-יאָרן מײַנע אויפֿגעקליבן,
וו׳אַ שלעפֿער קלייבט פֿון מיסטקאַסטנס די ביינער.
געזען, ווי ס׳האָט דער דײַטש צום בריק-אַראָפּ געטריבן
מײַן טאַטן און דעם זיידן און די שכנים.

דער טאַטע בלויז איז מער אין שטוב שוין נישט געקומען.
דעם טאָג האָט קיינער גאָרנישט נישט געגעסן.
און חלום האָט בײַ מיר דער טאַטע אָפּגענומען
אַ תּקיעת־כּף אויף קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן...

ס׳איז ערב-פּסח. ס׳האָט די זון די שוועל באַטראָטן.
דער טרויער האָט די גאַנצע שטוב פֿאַרענדערט.
דער פּראָסעקטאָריום שטייט געהילט אין קילע שאָטנס
און שטום פֿאַרוועבט מיט סודות, טויט-לעגענדעס.

דאָרט שוועבט דער טויט אַצינד. דער טאַטע ליגט דערמאָרדעט,
און דאָ אין שטוב די יום-טוב-לײַכטער ברענען...
כ׳זע נאָכאַנאַנד די דײַטשיש-זעלנערישע מאָרדעס —
איך זאָל די מערדער שפּעטער גוט דערקענען.

איך זע די מאַרמאָר-טרעפּ, די קינסטליך-שטייפע פּאַלמעס,
די דייטשע וואַך, וואָס איז נישט אויסצומיידן.
דער טאַטע דאַרף דאָרט ווערן אינדערפרי געפּאַלמעסט...
כ'זע שאָטנס לאַנגע פלאַטערן פון וויטן.

זיי זענען דאָרט אַהין אריין מיט נאכט און אימה.
מע טאָר אַ ייד אַ קדוש נישט צעשניידן.
און חברה-קדושה האָט אַרויסגעפירט געהיים אים
פון דער אומהיימלעך-טונקעלער געביידע.

און אַז ס'איז פּסח אויף דער וועלט — ווי מעג מען וויינען?
און מ'האָט דעם טאַטן שטום געבראַכט צו קבורה.
דאָס זיבעצעטע יאָר איז פול געווען מיט פּיינען,
מיט אומגליקן, מיט ווילהעלם, מיט פּעטלורע.

כ'ווייס: פּערל זוכט מען אין דער טיפעניש פון ימען
און גאָלד צו קריגן — מוז מען ד'ערד צעראָיען...
אַכט קינדער זענען מיר געבליבן ביי דער מאַמען
אויף הפקר און אויף מענטשלעכן בזיון.

ווי שטערן זענען קינדער-טרערן — נישט צום ציילן,
ווי שוואַלבן אינעם זילבעריקן שוועבן.
נאָר מיינע טרערן אין די קעלערשע פיר אייל
געזאָטן און געבריט האָבן ווי שוועבל.

ביי קינדער נאָר שטייט-איין אין קריגצייט דאָס געוויסן.
כ'זע יינגע פרויען ליאַרעמען און טומלען.
כ'האָב פון דער טונקעליער שטוב-ענגשאַפט זיך געריסן,
ווי יוסף דילע-ריינע צו די הימלען.

געלאָזט זיך מיטן וועג גיין פון די בונטע שטראַלן,
דעם וויי-געשריי אַרום כ'האָב נישט פאַרנומען.
צוריק ווי יוסף דילע-ריינע כ'בין געפאַלן
אין הענט אין אויסגעשטרעקטע פון דער טומאה.

דער גלאַנץ פֿון די פּראָצעסיעס אין די הינטערגאַסן,
דער פֿלאַטער פֿון די מיידלעך אין וועלאָנען,
דאָס אַלץ, וואָס האָט געוועקט, גערופֿן — מיך צו האַסן,
דער צלם, טאָפּלקרייץ, האַלבע לבנה, —

געררייצט האָט פֿיבערדיק, געצויגן און געשראָקן...
ווו נעמט מען כּוח ביישטיין דעם נסיון?..
ווען ס׳האָבן זיך צעקלונגען באַנג די קלויסטער-גלאָקן,
ווי אינעם פּענט כ׳פֿלעג צאַפּלען זיך און וואָיען.

געוווסט, כ׳וועל דאָ די מערדער פֿון מיין טאַטן טרעפֿן
צו קאָנען נעמען נאָך אים זיין נקמה.
און פּלוצים האָבן ברייט און רעש זיך אויפֿגעעפֿנט
די טויערן פֿון שחיטות און פּאָגראָמען.

באַנאַכט זע איך אין חלום ווייסע הענער קרייען
שאַרף-שנאָבלדיק, צעפֿלאַמט די רויטע קאַמען.
איך זע דאָס בלוט, וואָס שטראָמט, איך זע די מערדערייען...
— ווער וועט באַשיצן ס׳לעבן פֿון מיין מאַמען?

אויף יעדן טריט און שריט פֿון לעבן מיינעם לאָקן
און לויערן די בלוטיקע געפֿאַרן.
די מאַמע רויק קרייזלט מיר די האָר אין לאָקן
און צערטלט מיך און האַלט מיך אין דער וואַרעם.

זי ווייסט, ס׳קאָן יעדער רגע זיך די טיר צעפּראַלן
און ס׳קאָן אין לופֿטן אויפֿבליצן אַ מעסער
און ביידע זאָלן מיר פֿון שחיטה-מעסער פֿאַלן...
פֿאַראַן אַ קראַפֿט, וואָס איז פֿון טויט נאָך גרעסער!

דאָס ווייס איך נישט, דאָס ווייסט אויך זיכער נישט די מאַמע.
נאָר אין די בלוטן פֿילן מיר עס ביידע.
מסתּם איז דורך די זעלבע פֿייערן און פֿלאַמען
אַדורכגעגאַנגען אונזער עלטער-זיידע.

# ב. נסיון

אזא מין גרויסע וועלט מיט וועגן - לאַבירינטן,
מיט הימלען און מיט סודותדיקע שטערן;
דורך ימען פיין און שלעכטס כ'וועל דאַרפן זיך דערגרינדן
צו מענטשיש גוטס, ס'זאָל נישט פאַרלוירן ווערן.

אַזוי פיל זענען אויף דער וועלט געווען פאַרלוסטן!
ווער ציילט זיי דען, צי האָט זיי ווער פאַרשריבן?
און וויפל צייט האָט עס דער מענטש אין זיין רשות דען
אויף אָפּצוהיטן ס'גוטס, וואָס איז פאַרבליבן?

מיליאָנען יאָרן ליגן הינטער מיר פאַרבאָרגן
און נאָר דורך מיר זיי ווערן נישט פאַרגעסן.
איך טו אַ קוק אַריין אין תהום פון אַלע מאָרגנס,
וואָס וועלן נאָך מיר קומען ריגלמעסיק...

ס'וועט ביי די בבל-טייכן קיינער מער נישט וויינען,
נישט קלאָגן און נישט טרויערן להלוטין.
אין שאָטן פון זייער לינדנבוים וועט יעדער איינער
דערמאָנען אונז, באַגייסטערער, — צום גוטן.

דערווייל איז אונזער הויף נאָך אַלץ ווי אַ קאַזאַרמע,
פאַרטאָגס שפּילט-אויף אַ דייטשישער אָרקעסטער.
ס'ווערט פול דער הויף מיט זעלנער, פערד-מיסט און זשאַנדאַרמען
און פול מיט שרעק ווער איך און אויך מיין שוועסטער.

כ'דערמאָנט די נאַכט, ווען ס'האָט דער דייטש די טיר געריסן.
געפּאָדערט געלט, ס'געווער און איידלשטיינער.
דער עלטסטער האָט זיך אין מיין שוועסטער איינגעביסן
מיט אויגן פרעך-פאַרגאָסענע, געמיינע.

דער טאַטע האָט דאַן שטום געשטעלט זיך צווישןביידן
און ברייט דערלאַנגט אים דעם בר-מצווה-זייגער.
דאָס דייטשע אָפיצירל באָמבלט מיטן קייטל
און צו מיר שוועסטער ווינקט ער מיט אַן אייגל.

ווייל שיין איז זי געווען — אַ בוים אין מיטן בליען —
אינגאַנצן אינעם טאַטנס צד געראָטן.
און ער, דער דייטש, ווייל ס׳זאָל איר שטאָלצקייט פאַר אים קניִען
און פאָלגעוודיק אים זייך אָט ווי זיין שאָטן.

נאָר ווי אַ בוים אין פעלד אַנטקעגן בליץ און דונער —
מיין שוועסטער שטייט פאַרטייעט, אומבאַוועגלעך.
דעם דייטש צעשפּאַרט די רוגזה: — זי וועט מיך באַדינען!
און ס׳קלינגט ווי צפּעס חוזקדיקס און שרעקלעכס.

דעם טאַטנס פּנים איז מיט בלוט און שאַנד פאַרלאָפן:
שמואל-יוספס טאָכטער איז דיר נישט קיין גלייכן!
דער דייטש גייט צו דער טיר און האַלט זי פאַר אונז אָפן...
דאָס הייסט: מיר האָבן מער דאָ נישט קיין שייכות.

די דייטשן האָבן גלייך געוויזן, וואָס זיי קאָנען
און טיש און בענק געשליידערט און געבראָכן.
אינדרויסן האָט זיך ס׳גרינע ליכט פון דער לבנה
געדראַפּעט, אויף די גלייכיִז ווענט געקראָכן.

מיר האָבן יענע נאַכט פאַרלאָזט די שיינע דירה
און אינעם קעלער זיך אַריינגעקליבן.
מיין שוועסטער האָט געוויינט. די פּערל-טרערן אירע
האָט שטיל די מאַמיע איינס און איינס געקליבן.

## ג. דעם פעטער נאַטעס טאָכטער

די שפּיל פון יאָרן איז אַ טרויעריקע, אַ שיינע.
דו בלאָנדזשעסט אָפּ אַ לעבן לאַנג ביז וואַנען
דו קומסט צום לעבנס-שפּיץ, ווו אַלצדינג גרויס און קליין איז
און ווייסט נאָך אַלץ נישט, ווו איז ס׳גליק פאַראַנען.

נאָר ווען דו טרעפסט אין וועג אַ קאַליקע, אַ בלינדן,
דאַן ווייסטו נישט: באַדויערן זאָלסט, צי וויינען...
די שיינקייט פון דער וועלט ווילסטו זאָל נישט פאַרשווינדן,
נאָר דו געהערסט שוין מער נישט זיך, נישט קיינעם

גיב אָפּ בלויז די דערפאַרונגען צו דיינע קינדער
און פריי דו ווערסט פון אַלעמדינג, וואָס בינדט דיך...
ס'דאַרף יעדער איינער מענטש פאַר זיך אַליין באַזונדער
זיך דראַפּען אויפן באַרג, ווו ס'גליק געפינט זיך...

און שטענדיק וועט אַ קינד זיך לערנען גיין און קלאַנגען,
כאָטש ס'פליט דער מענטש שוין ביז צום הימל-בעליק.
אַזויפיל איז די וועלט פאַרויס אַוועקגעגאַנגען
און דיר נאָר דאַכט, אַז דו ביסט אונטערשטעליק.

דו האָסט געמיינט, אַז דו וועסט זיך דער לוויתן
און ס'וועט די גאַנצע וועלט אויף דיר זיך האַלטן.
נאָר גלייך ביים ערשטן טראָט דו פרעגסט זיך שוין: — עד מתי?
ווי לאַנג וועל איך איינגאַנצן דען אַנהאַלטן?

כ'האָב גאָט דערפאַר געבעטן פאַרן שלאָפן לייגן,
ער זאָל מיך צו קיין ווערעמל נישט גלייכן,
נישט פרווון, כ'זאָל מיך דאַרפן פאַרן פריץ בייגן
און טאַנצן פאַר די דייטשעלעך די רייכע.

כ'האָב זיבן מאָל געקושט דעם פאַרמעטענעם שדי,
געהיים געשעפּטשעט פּסוקים פון קבלה.
דאָס וועט מיך אפשר היטן, אַז ס'זאָל מיר נישט שאַדטן
די דייטשע דעזינפעקציעס און קאַרבאָלן.

זיי האָבן שוין מיט זיך פאַרכאַפּט דעם פעטער נאַטע,
אים אָנגעטון אַ שלאָפראָק אַ צעקנייטשטן.
אין דייטשן טיפוס-לאַגער גייט מען אום ווי שאָטנס,
מ'זאָגט ייִדוי דאָ, מע וויינט, מע שעלט די דייטשן.

דעם פעטער נאַטעס טאָכטער, זאָגט מען, לויפט אום באָרוועס
— מע דאַרף דעם מיידל זען אַ שטיקל תּכלית.
אַז אַך און ווי — אַ הינטל, וואָס מע גיט אַ וואָרף עס...
זי קאָן אין שטוב אַ העלף־טון, ביי דער האַכליע*).

די מאַמע האָט צו אונדז זייער טאָכטער צוגעזאָגט:
— קיין עין־הרע אַכט דאָ, וועט זי זיין די ניינטע.
אַ ליכט־שטראַל הילט דער מאַמען איין: — וואָס וויינסטו, פייגע?
אַ שטילשווייגן. זי ווישט די טרערן: — כ׳וויין דען?..

און פייגע איז אין שטוב געוואָרן נאָנט און טייער —
אַן אייגענע, אַ לייבלעכע — אַ שוועסטער.
ביינאַכט, ווען כ׳קום פון חדר, טרעף איך זי ביים פייער
און קיך זיך סודען מיט מיין שוועסטער אסתּר.

געדאַכט האָט זיך: אין שטוב איז פריילעכער געוואָרן,
זי זינגט אונדז פראָסט אויף יידיש מאָדנע לידער.
ס׳אַנטלויפט אין פעלד דער „שור שנגח את הפרה"
און טיטוס ווערעמל פאַרלירט זיין שליטה...

דאָרט אין די לידער קלינגט דער פרייהייט־האַמער: גלין־גלאָן!
און רויטע פענער פלאַטערן ווי זעגלען.
און פייגע זאָגט, אַז מ׳וועט שוין מער פאַר זינד אונדז יינגלעך
נישט קאַטעווען, נישט בראָטן און נישט פרעגלען;

אַז רוסלאַנד האָט אַראָפּגעוואָרפן שוין די קייטן
און מ׳האָט שוין משלח געווען דעם קייסער.
איצט וועט די אונטערערד פון פוילן זיך אַ גרייט־טון
און אָפּטרייסלען פון זיך ס׳פאַרהאַסטע פרייסן.

און ס׳וועט דער טאַטע אידער — אונזער פעטער נאָטע —
זיך אומקערן פאַרבלייכט און אָפּגעשוירן.
דאָס גאַנצע לאַנד וועט ענדלעך טוען פריי אַן אָטעם
און ווערן אויפגעריכט און ניי־געבוירן.

---

*) אַ ברייטער פריזיר־קאַם פונאַנדערצוקעמען שייטלען צו געפּעסטיקט אויף שרויפן.

# ד. די אַלט-יידישע שטיבן

די אַלט-יידישע שטיבן מיט די שבת-צונאַכטסן
און מיט דעם פּראָסטן גאַסט: איש חסיד היה...
די מלווה-מלכות נייען אויפן וועג באַלכסון,
ווי ס'שטייגט פון די רשעים דאָס געוואַיע.

דאָס טרייבט מען זיי צוריק אין גיהנום צו די ליידן
און פּייניגן — ערגער נאָך פון אַלע טויטן...
דער וואָכעדיקער עול טוט אָן די פּראָסטע קליידער —
ס'כאַלאַטל, ס'אויסגעריבענע, מיט צויטן.

די שדים און די לצים קריכן פון די ווינקלען,
זיי קריגן צריק דעם כוח און די שליטה...
דער מענטש דערפילט אויפסניי: ס'הייבט ווידער אָן צו טינקלען —
אַ שפּילעכל דאָס אַלץ, וואָס מ'האָט געלימט.

ס'שטייט פאַר אַ שווערע וואָך מיט דאגהנישן שווערע,
אויף זעקס טעג פולע מיט אַ שמיץ אַריבער.
נאָר דאָך די מצווה פון זיך פּרוכפּערן און מערן
מקיים איז מען פּאַרט, ווי ס'שטייט געשריבן.

מיט יעדן, יעדן יאָר ווערט רייכער די משפּחה,
אַט האָסטו דיר אַ יונג, אַ מויד — פאַרשיידן.
די נעמען פון די אָבות — טאַטעלע, פאַרפלאַכטן —
די קומענדיקע גרויסע שיינע יידן.

ס'קומט צו דערנאָך דער רב. — פון ארקע ווערט — רב ארקע,
פון יאָסעלע — רב יאָסעלע וכדומה;
עס וואַקסט אַ דור פון יידן, יידן שוואַכע, שטאַרקע
און ס'וואַקסן מיט די אַלט-יידישע טרוימען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין אַמאָל, אַמאָל אויף אַט דעם וועג געגאַנגען
צוזאַמען מיטן טאַטן, מיטן זיידן.
ס'איז מיט אַ שבת-וועלט, אַ וועלט, וואָס איז פאַרגאַנגען,
ווי מיט אַ נאָענטן זיך שווער צו שיידן.

## ה. בײַ דער װײַסל

מיך ציט צו גײן פֿאַרנאַכט אַהער דאָ צו דער װײַסל,
װען שקיעה-שטראַלן ציטערן און שפּילן.
עס שטײען שטיל בײַם ברעג די הײַזעלעך די װײַסע,
װי כּלות פֿרום-פֿאַרשעמטע נאָך דער טבֿילה.

און איך, דער חתן-בחור, מיט די לאַנגע פּאות,
איך װיל די װעלט זאָל נאַקעט פֿאַר מיר שטײן איצט.
דעם שװאַרצן טרױער-טוך, די בלאַנדזשיקע לװיות —
פֿאַרװאָרפֿן אױפֿן בױדעם מיט די שמות.

איך זע די װעלט אַ יונגאַטשקע — אין מײַנע יאָרן!
בלױז פֿאַרן אַלטן איז די װעלט אַן אַלטע.
איך לױף, איך שלונג די רחובֿות... כ׳האָב נישט װאָס צו שפּאָרן.
כ׳פֿאַרמאָג נאָך גאָרניט. בלױז בײַם אָנהײב כ׳האַלט ערשט.

כ׳פֿאַרגעס אױף אײן מינוט די קאַליקעס, די לאָמע,
דעם װײ-געשרײ, די גסיסה-כאָרכלערײַען.
נאָר פֿון דער װײַטנס שװאַרצט זיך ס׳װעלדל מיט די צלמים,
די קבֿרים-בערגלעך — לאַנגע, לאַנגע רײען.

דאָס האָט דער דײַטש געהײסן מיליאָנען שטאַרבן
אין לאַגערס, אין אָקאָפּעס, אױף די תּליות.
געפֿלעכט פֿון הענט און פֿיס, פֿון רוקענעס מיט שאַרבנס...
די שײנקײט ליגט צעטראָטן און פֿאַרמיאוסט.

די באַן-בריק שטאַרצט מיט אױפֿגעריסענע געדערעם,
עס שטײט דער ציטאַדעל פֿאַרלאָזט — אַ זקן.
דער דײַטש האָט שױן צעשטערט, װאָס ס׳לאָזט זיך נאָר צעשטערן,
די חיה ציט צוריק זיך אָנגעשראָקן.

אַזויפיל יידן האָט דער דייטש שוין אויסגעשאָכטן
און וויפל יידן וועט דער דייטש נאָך שעכטן?
דעם ייד האָט זיך נאָך יעדער שחיטה אויסגעדאַכטן,
אַז איצט נעמט שוין אַ סוף צו אַלעם שלעכטן...

מיר זעגען גרייטער רויב פאַר אַלע בייזע חיות,
מיר האָבן נישט צומאָל מיט וואָס זיך ווערן.
מיר שפאַנען מיט געוויין נאָך אונזערע לוויות
און טראָגן אויף זיך זעק מיט טרויער שווערן.

ניין, קינדער, מ'דאַרף נישט וויינען. מ'דאַרף זיך לערנען שלאָגן,
און זיין אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, ווי אַלע.
דאָס וואָרט, דאָס נישט-געזאָגטע, וועלן מיר נאָך זאָגן
און ווערן וועלן מיר אויפסניי נתגלה.

ס'איז שטיל איצט דאָ אַרום, אַ שטילקייט פון בית-עולם.
מיר דאַכט, די כוואַליעס ווילן מיך דערגרייכן...
כ'אַנטלויף נישט. כ'זיץ און שווייג. די ווייסל קאָן פאַרהוילן
פון מיר געהיים ס'פאַרטערישע שלייכן...

איך זע דעם וואַסער-פלוס, די שליים-געוויקסן טריבע,
פאַרוויגטע פונעם וואַסער-לויף צום שלאָפן.
מיר ווערן ווי די כוואַליעס נאָכאַנאַנד געטריבן,
געיאָגט אָן ציל, אַז זין און ס'איז נישטאָ ווער,

וואָס זאָל טון אַ געשריי: — אַ סוף צו די געלייפן!
און אָפּשטעלן דעם נע-ונד, דעם גלות.
מיר דאַכט זיך אויס, די כוואַליעס פלעכטן זיך אין שלייפן,
די וואָלקנס ציען שוואַרץ ווי די עגלות.

דער זון-פאַרגאַנג-געמעל, די שיינע הימל-שטרייפן,
דאָס וואַסער מיטן כישופדיקן פליסן...
ס'ווערט אַלץ מיר פרעמד, נישט מיינס, ס'איז טומאה און ס'איז טריפה,
די שיינקייט איז פאַר מיר נישט צום געניסן.

## ו. דער לעצטער דייטש

ס׳גייט שיכור דאָ פאַרביי — דער פלעק פון וועלטס געוויסן —
אַ דייטשישער סאָלדאַט מיט זיינע כלות.
ער זידלט זיך, ער שרייט: — איך וועל אייך אַלע שיסן!...
ער ברעכט און כראָקעט: „דויטשלאַנד איבער אַלעס״...

אַוו געפינט זיך אונזער אָרט אויף דעם ערד-קיילעך?
מיר טוליען זיך צו פרעמדע קאַלטע פלויטן...
וואָס האָט מען צו מיין יידיש-טרויעריקן הילוך?
איך קאָן צומאָל נישט שלאָגן זיך, נישט טויטן...

כ׳דערזע אין וואסער-שפיגל אומגעריכט מיין חלום,
ווי שרהן ס׳האָט דערזען אברהם-אָבינו:
מיר גייען און מיר גייען אויף אַ וועג אַ שמאָלן
צום גליק — די היים, וואָס מ׳האָט צוריק געפינען.

מיר גייען אויף דער בריק, וואָס ס׳האָט דער דייטש צעריסן,
זי הוידעט זיך, זי וויגט זיך, נאָר מיר גייען,
אַן זעק, אַן פעק, פאַרשטויבט, צעגראַטשעט און צעביסן...
מ׳עט אין דער נייער היים זיך שוין באַנייען.

די מחנה איילט פאַרויס... כ׳בלייב אונטערשטעליק פלוצים,
איך קוק זיך אום: כ׳בין איינער אויף די וועגן.
דער שטיין איז שטום, דאָס וואַסער — טיף. אַ ראָב בלויז פליט צום
שפיץ-בוים — איך נעסט... נישטאָ ביי וועם צו פרעגן.

דער בוים, וואָס שטייט אין ליד, שטייט אלץ נאָך איינגעבויגן.
ווי לאַנג וועל איך נאָך וואַנדערן און פאָרן?
מיין פאָלק ישראל האָט שוין אויסגעוויינט די אויגן
און אויסגעצלייזט פון פיין נאָך נישט געוואָרן.

איך האָב דיך וויפל מאָל שוין, ווייסל אָפגעזעגנט.
נאָר שווער איז דיך פון זיך ארויסצורייסן.
עס גייט מיר נאָך דער ריח פון די ווייסל-ברעגן,
איך טראָג מיט זיך דעם ריח פון דער ווייסל.

די גאַסן זענען לער. די לאָמפּן פינצטער שטאַרן.
די לעצטע דייטשן טרעטן-אָפּ פאַרשפּעטיקט.
זיי פּויזען, דראַפּען זיך... עס שטופּן זיך און שפּאַרן
די דייטשע סילועטן — קרום און שפּעטיק.

אַט איז מיין גאַס. מיין הויף, די שאָטנס זענען לאַנגע
און טונקל איז די שרעק און אויסגעצויגן.
מיר דאכט, אַז אויף די טרעפּ איז נאָרוואָס ווער געגאַנגען
און כ׳זוך אים מיט די הענט און מיט די אויגן.

די פרעמדע מאכט, מיר דאכט, איז נאָך נישט אויסגעלאָשן.
מיין יעדער טראָט שלאָגט אָפּ אין האַרצן שרעקלעך.
און פּלוצים ווערט ביי מיר ווי אָפּגענומען ס׳לשון,
כ׳דערפיל ווי עפּעס שטייפס און אומדערטרעגלעכס

זיך באַמבלט פאַר מיין טיר — פאַרגליווערט, קאַלט, געפרוירן...
אַט וועט ער מיך ארומנעמען מיט צוואַנגען...
איך פאַל... איך זינק און כ׳הייב זיך... כ׳וואָלט אויפסניי געבוירן...
דאָס האָט דער לעצטער דייטש זיך אויפגעהאָנגען... — — — — —

* * *

די ווייזערס פון מיין לעבן רוקן זיך אַלץ ווייטער,
עס זילבערן די האָר שוין ביי די ברעגן.
כ׳שטיי ווידער ביי דעם ערשטן שטאַפּל פונעם לייטער
און כ׳ווייס אַלץ נישט, ווו ס׳פירן מיך די וועגן.

די זאַווערוכע האָט פאַריאָגט מיך און פאַרטראָגן
אינמיטן ים פון פיינען און פון גרוילן,
נישט האָבן כ׳זאָל צומאָל פאַר ווער אויסצוקלאָגן
דאָס קלאָג-געשריי פון מיין געשענדטן פּוילן.

נאָך נישט געשטראָמט אַזוי האָט ס׳בלוט אין די וועלט-ראָוון,
עס מאָנט ביי אונז: — די פייניקער פאַרשטיינען!
עס וויינט שוין יאָרנלאַנג די כותל-המערבי
און כ׳ווייס נישט, ווען ז׳עט אויפהערן צו וויינען.

סיון—תשרי, תש״ה.

# געמאסטענע טריט

## דנפּיסק־לידער

# דערמאנונג

עס דאַכט זיך מיר, ווי ס'וואָלט געווען אַט ערשט.
אַ קלאַפּ אין טיר: — רעוויזיע!... נאַכט. ס'איז שפּעט.
איך טו זיך אָן געלאַסן, קאַלט באַהערשט,
און ס'שטוינט דאָס קינד אין וויג, דאָס ווייב אין בעט.

פרעמדע געסט אין שטוב, און אַלץ ווערט פריעמד.
זיי זוכן, נישטערן פון אָרט צו אָרט.
באַטאַפּן מיט פאַרדאַכט אַ בוך, אַ העמד,
ווי ס'וואָלט דאָ עמעץ אויסגעפירט אַ מאָרד.

וואָס טוט זיך עס?... די בלומען אויף די ווענט
צעלויפן זיך... ווער טרייבט זיי, לעשט און צינדט?...
עס פאַלן אויף מיינע אומשולדיקע הענט:
— זשיד!... קאָמונע... סוקין סין!...

— נו, לוינט זיך עס דאָס אַלץ... — און ווי א לויז
אַ שפּעלטל זוכט דאָס ווייך געענדערט קול —
גיב בלויז די נעמען אָן... די נעמען בלויז...
נו, קלאָר, ס'וועט נישט אַריין אין פּראָטאָקאָל..

און — אין די שעלמע-אויגן גרין צעשפּיזט,
געענטפערט קלאָר: אַ כראַק געטון, אַ שפּיי...
און מיטאָמאָל — צונויפגעפאַל און פאַרמיש
פון ווענט און דיל און פרויעשער געשריי...

דורך גריבער כ'בין געקראָכן טיף, אַן ענד.
ס'איז דער ווייטיק נאָכגעקראָכן ווי אַ הונט.
אַ ריח ווי ס'וואָלט דאָ נישט ווייט געברענט,
דער ריח פון אַ בלוטנדיקער וווּנד.

צי האָט נאַכער געטאָגט? צי האָט נאכער געננאַכט?
ס'איז דאָס אנען וועגן טויט נאָך נישט — דער טויט.
ס'איז שטיל געווען און מיר האָט זיך געדאַכט,
אַז כ'בין אַ נייער מענטש איצט אין אַ נייער הויט.

אַז כ'בין אַן אָפּשיין פון אַ ווייטן שטראַל,
אַן אָפּקלאַנג פון אַ טרויעריק געזאַנג,
אַז כ'בין אַ שטראָם, וואָס רוישט, — אַ וואַסערפאַל, —
נישט צום צוימען, נישט צום אָפּשטעלן אין גאַנג.

## ו. אַ הימל אין אַ שטעטעלע

אַ הימל אין אַ שטעטעלע
איז קיינעם מער נישט נייטיק,
ס׳איז סיי ווי גרויס דאָס פּינצטערניש,
דער דלות און דער ווייטיק.
ס׳וואָלט גלייכער שוין געווען,
ווען מ׳נעמט אים און מ׳באַזייטיקט

אַ הימל אין אַ שטעטעלע
וויל פאַרט נישט זיין אויס הימל,
איז אַט ווי ס׳איז די בלאָטע דאָ,
דאָס דחקות און דער שימל
טאָ זאָל ער אויכעט בלייבן זאָל ער׳
וועט ער זיין צום רומל.

פון הינטן דאָס וואָקזאַלעכל —
אַפשיי פאַר זיין נאָמען!
אין מיט אַ פליכעוואַטער מאַרק
אַרומגעשטעלט מיט קראָמען.
פון פאָרנט — ווי אַ שוואַרצע ליכט —
די תפיסה שטייט פון תמיד.

## וו. וואַיען ווינטן

וואָיען ווינטן וויסט געוואָי,
ווער ס׳האָט געלאָזט איך היים אַ פרוי,
ווער ס׳האָט געלאָזט אַ פרוי, אַ קינד
עלנט אויפן ווינט.

טרייבן ווינטן סנאָפּעס שניי
פאַרן פענצטערל פאַרביי.
איך — האָב געלאָזט אַ וועלט מיט פרייד
ערגעץ ווייט, ערגיץ ווייט.

איך בין אַוועק, אַוועק אין העק
אָן האַק אַ פאַק, ווי כ׳שטיי און גיי.
מיט זיך אַ ברויט אויף לאַנגן וועג,
אַ לעצטן בליק אויף זון, אויף פריי...

איצט זיץ איך דאָ ביים קאַרגן שיין,
וואָס טאָג דורך קראַטן זופט אַריין
און שפין אויס עלנטן געזאַנג
פון דערוואָרגענעם פאַרלאַנג.

ס׳בייסט דאָס לייב אַ שאָרסטיק העמד,
שאָרסטיק טרוקן צונג און גומען.
מיט איבערקלאפּן זיך דורך ווענט
איז שרעק און עלנט ווו אַנטרינען.

ס׳בלאַנקען לידער שאַרף ווי שפּיזן,
קומען אויף און פאַלן אָפּ.
שווערע פיס פון רעוומאַטיזם
שפּאַנען שווער — אַרויף-אַראָפּ.

## VII. כ׳האָב די בענקשאַפט

כ׳האָב די בענקשאַפט מײַנע אָפּגעריסן װי אַ הינטל פֿון געזײג
און אָנגעטון אַ קײטל אױפֿן האַלז.
כ׳האָב די בענקשאַפט מײַנע צוגעבונדן צום זשאַװערדיקן קראַט,
װי כ׳װאָלט באַפֿרײַט זיך איצט פֿון אַלץ...

ס׳מוז זײַן די הײם אַצינד
מיט פֿולע לבֿנות אין די פֿענצטער,
װאָס קלעפּן זיך צו די געבלימטע װענט...
כ׳הער: קינדערשער געפּלאַפּל,
כ׳זע: דער מאַמעס װיגנדיקע הענט,
װי כ׳װאָלט זי קײנמאָל, קײנמאָל נישט געקענט...

## IV. נאכט

דער הימל-פּאַס צווישן שויבן-קלאַשן
האָט פון זיך אַליין זיך אויסגעלאָשן.
נאַכט.

טירן שטומען הינטער שלאָס און ריגלען,
פון אַלע שויבן ווערן שפּיגלען.
נאַכט.

שוואַרצער שפּיגל שפּיגלט שוואַרץ
אַכטנפערציק שעה אין קאַרץ —
נאַכט.

שוואַרצע שעהן, שוואַרצע קראָען,
שוואַרצע פליגל שפּרייט שגעון —
נאַכט.

— ראַטעוועט!!
ווער שלעפט?...
קרומע טרעפּ... און קלעפּ... קלעפּ...
נאַכט...

## V. אַ חבר הוסט

נאַכט נאָך נאַכט
עס ברעכט די שטילקייט דורך אַ הוסט.
אַ חבר הוסט.
אַ חבר הוסט,
ער פליקט פון האלז ארויס
די לונגען מיט הוסט.
כ׳האָב זיין פנים קיינמאָל נישט געזען.
מיר דאַכט.
ווי איך אַליין וואָלט עס געכאָרכלט און געהוסט.
די פינצטערניש
גייט אַרום אין שוואַרצע קליידער
און שטיקט זיך מיט הוסט.

## VI. אויף די נאַרעס

איז מיר שווער אַזוי דערגרונטעווען זיך צו מיין ליד,
ווי שווער ס׳איז צו דערגראָבן זיך צו אַ פארשאָטענעם קוואַל.
ס׳צאַפּלען ווערטער אויסגעמישט מיט שמוץ, מיט בלוט,
מיט גאַל
און קנוילן זיך אין טיף פון מיין פאַרנעפּלטן געמיט.

ס׳איז די לבנה דאָ צום דינסט דעם וועכטער און זיין באַפעל.
מיט געלע פינגער קנאָכיקע זי צייכנט תליות, קראַטן.
ס׳איז פול מיט איר דער הויף. יעדער ווינקעלע איז געל.
דאָס גרינע אויג אין קוקערל פון טיר זוכט שפּורן פון פּאַראַטן.

אויף האַרטע שטרויענע געלעגערס רוען עס אונזערע געמיטער
און ס׳דריקט די שווערקייט אונז פון אייגענעם געביין.
אין חלומות זעען מיר די מאַמעס, די געליבטע...
און ס׳טוליעט זיך צו אונז, צו אונזער נאַרע
קינדעריש געוויין.

## VII. אויף א זשוגג

דאָס פענצטערל אין תפיסה-טויער איז שוואַרץ און קליין.
קליין אַזוי, אַז ס'קאָן נאָר בלויז אַ האַנט אַריין.
און דאָס אויג, וואָס קוקט אַרויס, איז גריז און גרויס.
שטייט אַ פרוי און טרעט נישט אָפּ
און רעדט צום פענצטערל
צום אויג
צו די שטומע ווענט:
— אויף וועגן שנייאיקע שווער איז זיך צו שלעפּן,
און מיך — האָט ווינט געטראָגן אויף די הענט.
די בענקשאַפט יווירט און וואַקסט אין מיר צוזאַמען מיטן קינד,
איז ווי קאָן איך אַוועק אַצינד פונדאַן
און נישט זען זיך מיט מיין מאַן?... — — —

זי רעדט און רעדט ביז ס'גרינע אויג פאַרשווינדט,
זי רעדט און רעדט ביז ס'פענצטערל ווערט בלינד.
שטייט די פרוי און ווייסט שוין נישט, וווּ אויס, וווּ איין,
וווּ ענדיקט זיך עס תפיסה, וווּ הייבט זיך אָן די פריי?...
און ס'דאַכט זיך איר,
דער וועכטער אינעם טונקעלן מונדיר
האָט אויך אַ חלק אין דער פינצטערניש פון נאַכט.
אין פינצטערן געדאַנק, וואָס האָט אויסגעטראַכט
דעם שטיינערנעם געביי...

די פרוי שטייט אומבאַוועגליך, בלייך.
עס ווייסט נישט, וואָס צו טון מיט איר דער ווינט,
און דער תפיסה-מויער גייט אויף הינטערווייקעכס אָפּ
און צערינט.

## VIII. ס איז די שטילקייט דאָ

ס'איז די שטילקייט דאָ
קיין שטילקייט נישט.
ס'איז די שטילקייט דאָ —
אַ האַמער, וואָס האַקט אין שלייף.
ס'איז די שטילקייט דאָ —
אַן אָנגעצויגן-זשאַווערדיקע רייף,
אויפצופּלאַצן גרייט.

ס'זענען מענטשן דאָ
ציפּערן און דערשטיקט געשריי,
ציפּערן און פּאַרציעס עסן.
נעמען — פּאַרגעסן,
ווי פּאַרלוירענע טריט אין שניי.
ווערן צוויי מאָל נאָר דערמאָנט:
איינס —
צום באַפּריַת
צוויי —
צום וואָגן!

# IX. עקזעקוציע

עפּעס גרייט זיך. נאַכט אין שווייגן.
וואך באוואכט מיט ביקס און שפּיז.
אומרו אין די תּפיסה-שטייגן,
אויג און אויער אָנגעשפּיצט.

שליסן שליסלען שווערע שלעסער.
ס׳פּלאַצט די נאַכט אויף הינטער פּענצטער.
פון פאַרנעפּלטע מעת-לעתן
שיילט זיך אויס די שעה די לעצטע.

## X. ס׳טונקלט זיך דער שליאך

עס טונקלט זיך דער שליאך.
וואָס איז דיר פרוי דער מער?
דער באַרג־אַראָפּ איז לייכט,
דער באַרג-אַרויף איז שווער.

די נאַכט שטעלט אויס אַ וואַלד —
אַ טשאַטע וועלף אין לויער.
פון וואַלד ווערט אַ געשטאַלט,
פון נאַכט — אַ תפיסה-טויער.

דער חלום און די נאַכט
פאַרשלייערן די אויגן.
ווי שטייט איצט פאַר דער וואָך
אינדרייען איינגעבויגן.

עס רייסט זיך אַ געשריי.
ווער שרייט?
ווער רופט?
ווער שלאָגט?
דער ערשטער האָנעןקריי
וועקט אויף דעם טאָג.

ס׳טרעט נאַכט אָפּ אויף צוריק,
עס ליִעשט זיך דאָס געשטאַלט.
עס וואַקלט זיך אַ מענטש ווי אויף אַ שטריק
און פאַלט...

# IX. פרילינג

דער איינציקער בוים הינטער פענצטער־קראַטן
איז שוין גרין.
און זינגט מיט פייגל און מיט בלעטער
יעדן אינדערפרי.

דאָס שטשיפּיאָר-גרינס אין לעצטן פּעקל
פון דער פריי
פארשמעקט מיט פעלד. מיט בענקשאפט,
מיט פרישן היי.

איבער טויטער וואַנט האָט זיך פארבייגעגליטשט
אַ שפליטער-זון, —
ווי דער גלאָקנרוף זאָגט אויף מיטאָג אז —
ס'איז פרילינג אומעטום.

## XIV. שפּאַציר־גאַנג

מיר טרעטן געהאָרכזאַמע, שטילע ווי שאָף —
אַ געשלאָסענער קרייז אין געשלאָסענעם הויף —
רונד און ארום יעדער פאר זיך אַליין
אין „געגנזעגנעם" גאַנג, אין געבראָכענעם גיין.

דריי ווענט קוקן פינצטער מיט פענצטער פארגלייזט.
די פערטע — אַ פּאַרקאַן מיט בראָכשטיקער גלאָז,
און הינטערן פּאַרקאַן — אַ פּאַרק בליט — די פריי —
מיט פייגל, מיט קינדער, מיט לעבעדיק גראָז.

עס שטאַרצן די שערבלעך צעשטשירעט און בייז,
אַ זון שפּילט מיט פארביקן פינקל אויף זיי...
ווען ס'שטעלט זיך אַ מענטש אויפן צווייטן ארויף,
דערלאנגט ער דורך גלאָזיקע מעסערס — די פריי...

מיר שטעלן באַוואַכטע, געמאָסטענע טריט.
אַ קויל פון אַ פרוי רופט מעלאָדיש: — קלאָזעט!
אַ נאַקעטע, אַ שלאַנקע — די בענקשאפט אַליין
אויפן מאט פון די שויבן — אַ פרוי־סילועט.

עס טומלען די וועשנס ביי באַליעס מיט וועש
געדעמפט אין דער פארע זיי לאַכן פארשייט,
זיי האלטן און רייבן געוויס אין די הענט
דאָס העמד, וואָס כ'האָב נעכטן געהאַט אויף מיין לייב...

און ס'זינגען די רינוועס אַ רעגן־געזאַנג,
מיר דארפן פארלאָזן דאָס הייפל שוין באלד,
אַ צעלע אַ צווייטע ט'אונז זוכן אין גאַנג
אין צייכנס פון טריט אויפן שטומען אַספאַלט.

## XIII. אַרעסטאַנט

אויף דער נאַרע ליגט דער אַרעסטאַנט
איבערגעדעקט מיט קאַלדרעס און מיט נאַכט.
ער קריכט דורך היילן טיף אין חלום-לאַנד,
און יעדע טיר, פון זיך אליין, זיך עפנט און פארמאַכט.

עס חלומט זיך דעם אַרעסטאַנט, אַז ער באַפאַלט...
ער באַפאַלט דעם וועכטער, וואָס שפּאַצירט ביים וואַנט,
און ראַנגלט זיך און מיינט, ער האַלט אין האַנט
אַ האַלז. ער שטיקט דעם וועכטערס האַלז...

## xiv. וועכטער

רער וועכטער ווייסט:
פאַרברעכנס ווערן אויסגעפירט באַנאַכט. —
און די שווייגעניש איז גרויזאַם, ווי דאָס מיִצטער;
אויפֿן אייגענעם שאָטן האָט ער אַ פאַרדאַכט
און באַטאַפּט, באַטראַכט די ביקס. פּרווט נאָכאַמאָל די שלעסער.

דעם וועכטער דאַכט זיך: פֿון די ווינקלען, פֿון די לעכער,
פֿון דער הוילער וואַנט וואַקסט אויס אַן אַרעסטאַנט,
און נאָכן אַמפּערן דערזעט ער זיך — אַ פּשוטער פאַרברעכער
און — ס׳גליטשט זיך אים די ביקס ארויס פֿון האַנט.

## XV. מיטן שטאָפּ

איך אַ ביקסן־שפּאַלער איינגעשלאָסן, ווי אין אַ לעבעדיקער שטייג,
מיר שפּאַנען אין דער נאַכט אַריין — אַ לאַנגער שטומער וועג
און אין די רערן פון די ביקסן איז דער טויט אליין פאַרשטעקט.

פערציק פאַרטיקע „פאַרברעכער" זענען דאָ אין שטאָט און־שטיל איז.
אַ גוטמוטיקע לבנה קוקט זיך מילד אַראָפּ, אידיליש,
אויף דער פאַרטיע קריעה־בליעה, אויסגעריסן פון פאַמיליעס.

אַ פאַלטן אויף אַ פאַלטן און עס קוקט אַרויס דאָס רעקל,
עס באַמבלט זיך ביי יעדערן אַ זעקל און אַ פּעקל
און באַנגער קלאַנג פון שליסלען, שיסלען און פון מיטאָג־גלעקל.

מע פירט אונז און מע פירט אונז און מע וועט אונז שוין דערפירן.
עס ווילן זיך פאַרמאַכן נאָך אונז טויערן און טירן.
ס'איז אונז גאָרנישט מער געבליבן בלויז לבנה צו פאַרלירן.

מיר וועלן אָבער קומען נאָך מיט פייער פון שטורקאַצן,
אַז מאַרש־מוזיק, טריומף־פּאַראַד, אַז צימבל, פויק און טאַצן,—
אויף אויפבריך און אויף שמעטערן—אויף שטורעמען פּאַלאַצן.

תפיסות אין ווארשע — לאָדזש — שעראַדז.
1934 —1935.

# מציכלרע ייד

# דאס ליד פונעם ייד, זיין גילדערנער באַרד און דער טערקישער שאל

ס'איז ערשט קוים אַ וואָך ווי דער דייטש איז אריין
און פול איז די שטאָט שוין מיט יידיש געוויין.
די זון, וואָס גייט-אויף אויף די חורבות פארטאָג,
רייסט־אויף דאָס פאַרשטיקטע געוויין און געקלאָג.
דער טאָג, וואָס דעקט-אָפּ אויפן גאס שטיקער ווענט,
דעקט-אָפּ אַ בית־עולם — פאַרוויסט און געשענדט.
אין וועלפישע ציין איז דיין גורל פארטרויט,
נישטאָ קיין מחיצה פון לעבן און טויט.
ביינאַכט גייט אַרום אַן אַנטבלויזטע די שרעק,
מיט פארהויבענער האק פאַר דיין האלז גרייט, געשטרעקט.
פון וואנען זאָל וויסן די שרעק, אַז זי שרעקט?
און די האק, וואָס זי האלט— קעגן ווען זי שטרעקט?
נאָר ער, ישראל, ער פילט עס, ער ווייסט עס באַשטימט:
די בלאנק-שאַרפע האָק איז געשטרעקט קעגן אים
און קעגן זיין הויזגעזינד, קעגן זיין פאָלק,
וואָס ווערט אומעטום, ווו די האק גרייכט — פאַרפאָלגט,
געטריבן, געיאָגט און פארגאָסן אין בלוט...

אין אַלעם איז — אומקום, אין אַלץ, וואָס ער טוט.
ווייל אין אַלעם איז שולדיק דער ייד נאָר — ר׳ ישראל —
און די שטראָף איז געמאָסטן פאַר אַלץ מיטאַמאָל.
און דאָך וויל ר׳ ישראל — סאַרא חוצפּה ס׳איז! ס׳טייטש?
ער וויל איבערלעבן דעם שונא — דעם דייטש!
נישט בלייבן פון אים זאָל קיין זכר צומאָל..
אַזוי וויל אַ ייד, אַזאַ ייד, ווי ר׳ ישראל.
נאָר דאָך לאָזט איין זאַך בלויז נישט רוען אים איצט,
ער קאָן זיך קיין עצה נישט געבן דערמיט.
אי ס׳טוט אים הנאה, אי ר׳האָט דערפון צער.
ס׳קאָן זיין פאַר זיין לעבן דאָס גרעסטע געפאַר.
ווייל מילא אָט דאָס, וואָס אַ ייד איז אַ ייד,
איז אָט דעם „פאַרוואָס״ פרעג דעם פויגל, וואָס פליט,
דעם וואָריעם, וואָס קריכט און דאָסביימל, וואָס בליט,
דעם הימל, וואָס בלויט און דעם וואָלקן, וואָס ציט...
האָט אָבער ר׳ ישראל — חוץ דעם חטא פון אַ ייד —
אַ באָרד, וואָס שוין יאָרן ווי ר׳שוינט זי און היט,
און יעדן פרימאָרגן ער קעמט זי — נישט סתם —
אי מיט אַ בערשטל און אי מיט אַ קאַם.
אַפילו אויך דאָן אין די שרעקלעכע טעג
פון באָמבעס, שראַפּנעלן... אויך דעמאָלט ער פלעגט
זיך כאַפּן מיט ביידע הענט גלייך פאַר דער באָרד
און נאָכדעם ערשט אויסשרייען הויך דעם „—אַ—ח—ד!״
טאָ וואָס איז, אַ שטייגער, דער אומגליק דאָ, נו? —
נאָך ווייניק — אַ באָרד, איז זי רויט נאָך דערצו!
אַ גילדערנע באָרד, אַזש זי פלאַמט און זי גליט.
מע טרעפט אַזאַ באָרד נישט ביי איטלעכן ייד.
אַ שווערע געדיכטע — אַ לענג מיט אַ ברייט —
מע וואָלט פון דער איינער געקאָנט מאַכן דריי.
ס׳איז נישט קיין לצנות — חלילה וחס:
עס קען אים אַפילו אַ קינד אויף דער גאַס.
נישט בלויז צוליב דעם. וואָס ער טוט זייער רעכט,

די קעלבלעך, די גענדז, וואָס ער קוילעט און שעכט,
און אויך נישט דערפאַר, וואָס אַ מוהל ער איז
און מ׳פירט אים מיט בריטשקעס, ווי ס׳פּאַסט, אויפן ברית.
עס איז נישט צוליב די געשאָכטענע גענדז
און געמלטע קינדער — נישט דאָס און נישט יענץ.
גענוג, אז מען זאָגט נאָר אַרויס בלויז: — רב ישראל! —
דאַן זעט מען אַ באָרד-פלאַם און — אַלץ מיטאַמאָל.
אי ס׳בלוט, וואָס עס רינט פון געשאָכטענעם האָן,
אי ס׳בלוט פונעם קינד, וואָס הייבט ס׳יידישקייט אָן.
און איצט, כאָטש דער הונגער מאכט בלייך זיינע הענט
נאָר די גילדערנע באָרד זיינע שיינט און זי בלענדט.
איז ווי קאָן אַ ייד, וואָס קיין עין-הרע ער האָט
אַ באָרד, אַזאַ פּראַכט, אַ געבענטשטע פון גאָט
אַרויסגיין מיט איר אין דער גאַס אריין, ס׳טייטש,
וואָס וואָלט ער געזאָגט, ווען ער זעט עס, דער דייטש?
מע וואָלט דאָך דעם ייד פאַר דער דאָזיקער באָרד...
אַ גרוילן! פאַר מויל נישט צו ברענגען דאָס וואָרט...
אָט רינגלען די דייטשן ר׳ ישראלן ארום
צערייצטע — מיט צאָרן און חוזק-געברום...
ווי קראָען מיט בייזן געקרא, אַזויפיל...
מיט היפּ און מיט שפּרונג — אַזאַ שדים-טאַנץ-שפּיל...
און דער סוף פון דער באָרד — סאַראַ שרעקלעכער סוף —
אָט פונקט אַזאַ סוף ווי עס האָט יעדעס עוף:
די דייטשן מיט צווענגלעך ארום אין אַ קרייז...
ווי פעדערן פליקט מען די באָרד און מע רייסט...
נאָר וואָס זשע געשעט דאָ?... עס איז אים נישט קלאָר,
ער קאָן נישט באַגרייפן צומאָל וואָס ס׳קומט פאָר:
וואָס מער נאָך מע זענקט און וואָס מער נאָך מע ברענט —
אַלץ לענגער די באָרד ווערט, די באָרד וואָס מע שענדט.
וואָס מער נאָך מע פליקט און וואָס מער נאָך מע רייסט —
די באָרד ווערט אַלץ גרעסער, געדיכט — סאַראַ גרייס!
די דייטשן פאַרפלאָנטערט — ער זעט עס אויף וואָר —

אַ ניִץ אַ געדיכטע פון פלאַם־רויטע האָר...
זיי זענען די דייטשן, אַצינד שוין אין פענט,
ס'פּאַרוויקלען די האָר זיך בײַ זיי אויף די הענט,
אויף די פיס, אויפן האַלז — אַ געפלאָכטענע שטריק,
וואָס ציט זיי, פאַרציט זיי — אַ פעטליע וואָס שטיקט...
זיי קאָנען זיך מער נישט אַרויספּלאָנטן גאָר
פון יידס אויסגעריסענער באָרד, פון די האָר.
זיי וואַרפן זיך איינער דעם צווייטן צו הילף,
מיט געוואָי — פון משוגענע הינט דאָס געביל...
רב ישראל קומט צו זיך, אין איין שרעק — וויל אַוועק...
ער פילט אין זיין האַנט איז דער חלף פאַרשטעקט.
דער חלף איז בלאַנק און איז שאַרף און איז לאַנג,
ער וואָלט מיט איין הייב — איבער אַלע דערלאַנגט...
אַ שפּאַן אויף פּאָרויס — און די לופט אַרום שפּאַלט
א פייף און אַ דונער־געשריי: — „יודע האַללט"!!
ער בלייבט ווי פאַרגליווערט, דעם חלף פאַרשטייפט,
ווי ר'וואָלט אַ בהמה געקוילעט אויף טריף...
— אוי, נאַר, קוק זיך אום און באַרעכן אַ ווייל,
פון דיר ביז שטאָב איז דאָך אפשר אַ מייל...
וואָס דייטשן? ווען דייטשן? דו ביסט דאָך אליין,
אליין מיט דיין גורל פאַרקלעמט אין די ציין.
די באָרד איז בײַ דיר און איז גאַנץ און צעקעמט...
ער שטייט אין מיט שטוב מיטן חלף פאַרשעמט.
דאָס אַלץ איז נישט מער בלויז אַ חלום אזא,
אַ רגע אַן איינציקע פונעם קאָשמאַר.
נאָר שאַרף נאָך אַצינד אין זיין בלוט איז די פּיין
און גליט, גלייך ווי וואָלט עס אַן אמתע זיין.
דאָס אַלץ דאַכט אים אויס, ווען צעריסן געשריי
דערטראָגט זיך צו אים פון דער גאַס וואָס דערבײַ.
איז טאַקע אַ וואָך שוין און אפשר נאָך מיין,
ווי ר'גייט נישט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין.
אַזוי גייט די צייט. ס'גייט אַ וואָך נאָך אַ וואָך

מיט ייִדישן אומגליק, מיט ייִדישן בראָך.
ער זיצט אין דער שטוב אויפֿן אויבערשטן שטאָק
אַנטקעגן דעם מויער, וווּ ס׳בלוטיקט דער טאָג,
פֿאַרזונקען, פֿאַרשפּונען אין ציטער און שרעק:
— ווען וועלן די דײַטשן פֿון שטאָט שוין אַוועק?
נאָר ס׳האָט נאָך דער דײַטש נישט אַפֿילו אין זין
די שטאָט צו פֿאַרלאָזן... ער זיצט ווי אַ קלין.
אַ חודש שוין באַלד ווי דער דײַטש איז אַרײַן
און נאָך נישט אַנטשוויגן איז ס׳ייִדיש געוויין.
מע כאַפּט און מע גנבעט, מע גזלט, מע שלעפּט
אַ קופּער־פּאַן, קליאַמקעס, זשיראַנדלען און טעפּ.
מע גייט איבער שטובן, מע קלײַבט און מע רוימט
אַ חתונה־רינגל, אַ קינדערשן טרוים,
ס׳שוואַרצאַפּל פֿון אויג און דעם פֿויגל פֿון שטייג,
די מילך פֿון אַ מאַמע, די מילך וואָס ס׳קינד זייגט.
ס׳איז קלאָר, אַז זײַן גילדערנע באָרד — זײַן פֿאַרמעג,
וואָס שײַנט אויך אַצינד, אין די פֿינצטערע טעג.
קאָן אָנברענגען אומגליק, קאָן אָנברענגען צער,
קאָן זײַן פֿאַר זײַן לעבן דאָס גרעסטע געפֿאַר.
ער גייט טאַקע מער נישט אין שעכטהויז אַריין
און פּרוּווט נישט דאָס מוהל־מעסער מער, צי ס׳איז ריין,
אַפֿילו אין שטוב ער געפֿינט נישט קיין אָרט
נישט פֿאַר זיך גופֿא און נישט פֿאַר דער באָרד.
איז זיצט ער, ר׳ ישראל, און ער דאגהט זיך שטאַרק
ביז רחל, זײַן ווײַב, קומט צוגיין פֿונעם מאַרק.
נאָר וואָס קאָן אַ ייִדענע העלפֿן דערצו,
אַז זי האָט אַליין נישט קיין רגע קיין רו:
— ווי לאַנג איז עס דען, ווי דער דײַטש איז אַרײַן
נאָר ס׳איז שוין אין באַזאַר נישט מעגלעך צו גיין.
און נישט בלויז אין מאַרק אַרײַן, ס׳איז איבערהויפּט
נישט מעגלעך דער האַנדל — דער קויף און פֿאַרקויף.
מע שטייט בײַ די טויערן... מע שאַרט זיך בײַ ווענט...

אלץ כאפן די דייטשן אַרויס פון די הענט.
פאַר שטעלן זיך קעגן, אָן איבעריק וואָרט —
שיסט מען, יאָ, שיסט מען היינט גלייך אויפן אָרט!
אָט האָט מען דערשאָסן דריי יידן דערפאַר,
וואָס איינער האָט נאָכגעשפּעט דייטשיש: „זאָ וואַר".
און פייערשטיינס זון, דער פון מאַנופאַקטור,
ער הענגט אויף דער לאָמפּ פאַר דער קאָמענדאַנטור.
און די יידן די צען פונעם שכנישן הויז —
דריי טעג שוין ווי מ'לאָזט זיי נאָך אלץ נישט אַרויס.
מע האלט זיי אזוי ווי פאַרברעכער אוי, גאָט!
וואָס טוט זיך דאָ אָפּ אין דער זינדיקער שטאָט.
דאָס ברענגט זי אויף שבת אַהיים פון דער גאַס
שטאָט פיש און שטאָט חלות — אַ האַרץ פול מיט האַס.
דאָס קיישל איז ליידיק, דאָס האַרץ אירס איז פול
און ס'פלאָנטען זיך אומגליק־געדאַנקען ווי דול:
— מ'דאַרף שטיל זיין ווי וואַסער און נידעריק ווי גראָז,
אַז ס'פאַלן קרבנות שוין אָן אַ פאַרוואָס...
— ניין, טאַקע פאַרקערט! — פלאַמט ישראל אויף פון כעס —
כ'גיי טאַקע אַרויס מיט דער באָרד אויף דער גאַס.
ס'איז ערשט בלויז אַן אָנהייב פון צרות, פון פּלאָג,
הלוואי זאָל עס ליגנט זיין דאָס, וואָס איך זאָג.
כ'וויל זען עס מיט ד'אייגענע אויגן אַליין...
כ'קאָן מער דאָ נישט איינזיצן... כ'קאָן שוין נישט מיין.
ער כאַפּט גלייך אַראָפּ פונעם הענגער דעם סאַק.
נאָר רחל אין שרעק האַלט די טיר שוין פאַרהאַקט:
— דו שפּילסט זיך מיט פייער, מיט פייער... געדענק!
דו דאַרפסט נייטיק זען ווי פייערשטיין הענגט?
— ניין, רחל! — שרייט ישראל און ער לאָזט זיך צום טיר —
באו מים עד נפש... און איך? — ווו בין איך?
וואָס זענען מיר קעלבער, געבונדענע שאָף?
פאַרוואָס קומט דעם ייד אַזאַ סוף, אַזאַ שטראָף?
מיך שלאָגט איצט די בושה... עס שטיקט מיך אין האַלז

פֿאַר ליגן באַהאַלטן... פֿאַר מורא... פֿאַר אַלץ...
עס קאַכט אין מיר ס׳בלוט איצט, עס שרייט און עס רופֿט...
צי קאָן מען אַנטלויפֿן פֿון אייגענעם גוף?...
כ׳האָב שטאַרבן געוואָלט אויף מיין אייגענעם בעט,
נאָר ס׳טראָגט מיך... מע טאָר נישט... דאָס איז היינט אַ חטא
נו, לאָז מיך... דאָס שלעכטס וועט נישט מיידן סיזוי׳.
נאָר רחל ביים טיר שטייט אַי שטום, אַי פֿאַרווירט.
פֿאַרשטעלט זיך די אויגן אַנטקעגן דער וואָר:
ווי גייט מען ס׳ארויס מיט אַזאַ-אַ מין באָרד?
נישט בלויז ס׳איז אַ מורא — ס׳איז פּשוט אַ זינד —
שטייט זי און בעט זיך ביי אים ווי אַ קינד.
זי פֿילט ווי דאָס האַרץ אין איר הייבט זיך און פֿאַלט:
— נעם כאַטש פֿאַרבינד מיט דער טערקישער שאַל.
ר׳ ישראל טרעט נישט אָפּ: — ס׳איז אַ שאָד יעדעס וואָרט,
כ׳גיי טאַקע אַזוי ווי דו זעסט — מיט דער באָרד.
נאָר רחל פֿאַרעקשנט — באַשטייט אַלץ אויף אירס,
איר דאַכט זיך, די באָרד איז — איין גרויסע געשוויר.
קוים רירט מען זיך צו צו איר — פּלאַצט זי און ס׳טוט
אַ פֿליוך ארויס האַסטיק מיט אייטער און בלוט...
און קוים ז׳האָט מיט ביטערע טרערן ווי גאַל
געפּועלט ער זאָל אָנטון די טערקישע שאַל.

די טערקישע שאַל איז נישט סתם זיך קיין שאַל,
איר יחוס איז גרויס... ז׳איז ירושהדיק — אַלט.

אין דער טערקישער שאַל האָט מען רחלען אַמאָל
צו דער חופּה געפֿירט מיטן שוחט ר׳ ישראל.

דער קלעזמער האָט אויפֿגעשפּילט פֿריילעך צום לעצט
און זי האָט די שאַל מיט די טרערן באַנעצט.

פֿאַרלאָזט אין דער שאַל ז׳האָט די עלטערנס שטוב,
באַגלייט אין דער שאַל ז׳האָט דעם טאַטן צום גרוב.

דער קברן ט׳פאַרשאַט, דאָס קבר מיט ערד,
און זי האָט די שאַל מיט די טרערן באַטרערט.

געטראָגן די שאַל, וועט פאַרגאַנגען זי איז
אין טראָגן און אויסגעטון ערשט נאָכן ברית.

דער זון איז געוואַקסן געראָטן און שיין
מיט ליכט אין די אויגן, מיט קרעפּטיקע ציין.

באַגלייט אין דער שאַל ז׳האָט דעם זון, וואָס אַוועק
איז איצט אין די קריג-טעג אויף יענעם זייט ברעג.

די שאַל, אָט די שאַל איז געווייקט אין געוויין
פון יידישן גליק און פון יידישער פּיין.

איז אפשר די שאַל וועט אים ביישטיין אַצינד
אַקעגן דעם רשעות... אַקעגן די הינט.

— איז גיי ישראל, גיב אכטונג, ס׳איז פול מיט געפאַר...
קוים כאַפּט מען אויף אַרבעט... אַנטלויף נישט. נאָר האַר
נ׳אַ טויער, צי ווו דאָרט, ביז ס׳וועט איבערגיין...
געדענק, קום נישט שפּעט... כ׳וויל נישט זיצן אַליין...
און רחל — אין טיר — קוקט אים נאָך ווי ער גייט
אַראָפּ פון די שטיגן, ביז וואַנען ס׳פאַרגייט
זיין קאַפּעטע, ס׳טוכענע היטל, די שאַל,
ביז וואַנען פון אויג אירס פאַרגייט זיין געשטאַלט.

* * *

דער הימל, וואָס הענגט איבער אָפּענער גאַס,
איז איינגעשטילט, רויק — אַ האַרבסט-הימל — בלאַס,
מיט שווינדזוכטיק-קרענקלעכע פאַרבן צעשפּילט,
מיט וואָלקנס, וואָס וואַנדערן סתם אָן אַ ציל,
אָט גלייך ווי די מענטשן דאָ איצט אויף דער גאַס,
וואָס וואַנדערן שטומע — געבויגן פון לאַסט.

בלויז איינע, די זון, שארט זיך שטיל און זי העלט.
באַהעלט אַ צעפּאַלענע פינצטערע וועלט.
וועד דארף זי אַצינד מיט איר צירונג אויף בלענד? —
אויף חורבות—בית-עלמינס דאָס גאָלד זי פארשווענדט.
וואָס קאָן זי זיין אויסן, די זון, מיט איר שיין,
אז וויסט איז ארום אַלץ... עס יאָמערט די פיין
פון איטלעכן ציגל, פון איטלעכן שטיין —
אַן אומענדלעך וואנזיניק בלוטיק געוויין. —
אין גאָלדענעם שיין פון דער הארבסט-זון איז נאָך
פאַרשאַרפטער דער ווייטיק, נאָך גרעסער דער בראָך.

די הייזער-סקעלעטן, דאָס ברוכוואַרג, דעם גרוז —
פון אנדערע וועלטן די זון ברענגט אַ גרוס.
מיט ליכטיקע פינגער זי צערטלט און גליעט
אַ פוס פון אַ בענקל, אַ טייל פון אַ בעט.

וואָס שטאַרצט פון אַ חורבה — אַן איינגעלייגט הויז —
אויך רייסט זיך פון אָנהויב און קאָן נישט אַרויס.
מיט ליכטיקע פינגער זי צערטלט, באַרירט
אַ קאָפּשטיק מיט לייבן, אַ קיכטייל, אַ טיר.
פארצווייפלטע ווייבער אין אומגליק פארהאַרכט
מיט וואנזין, מיט שרעק אין צעפלאָשעטע האָר,
מיט וועגלעך און זעקלעך זיי ציען פארביי,
ס'איז יעדע פון זיי — אַ שגעון-געשריי.
דער ריח פון אומקום איז ביטערלעך הארב,
פון גסיסה — דער ריח, פון עמעץ וואָס שטאַרבט...
אין גערטל דערנעבן, אין איטלעכן סקווער —
אין קברים איז איבערגעוואָרפן די ערד.
אַ בלעטל, אַ ברעטל, אַ שטיק-פּליט, אַ קרייץ —
אַלעען מיט קברים — די לענג און די ברייט.
די בלעטער וואָס פאלן אַראָפּ — האָט געוואָלט
די זון, אַז זיי זאָלן באמאָלט זיין מיט גאָלד.

ס'וועט קומען דער הארבסט-ווינט און פלעכטן אַ קראַנץ
באַשיינען דאָס קבר פון די, וואָס פאַרשאַנצט

גּעוועז זענען אידער דער דייטש איז אריין
און העלדיש פאַרטיידיקט די שטאָט קעגן פיינט.
עס זיצט ביי אַ קבר אַ פרוי, ווי פאַרשטיינט,
אַ צווייטע, אַן עלטערע, וויגט זיך און וויינט
אַ פרוי מיט אַ קינד האלט אַ קבר ארום.
דאָס קינד רייסט די פאָלע פון קלייד: — מאַמע, קום...
און אומעטום — דייטשן, פאַרטון אין דער שפּיל:
זיי פאָטאָגראַפירן אַ בילד נאָך אַ בילד.
דאָס וועלן זיי שיקן אַהיים אַלס געשענק:
„דאָס האָבן געטון מיינע אייגענע הענט".
דאָס שלעכטס האָט קיין ברעג נישט, די פּיין איז אָן ברעג,
ר' ישראל שטייט — אַ בוים, וואָס איז אונטערגעזעגט.
אָט וועט ער אַ פאַל-טון נישט אויפצושטיין מער..
אַזוי ווי דער ים איז געזאלצן זיין טרער.
— און איך — האָב אין אָנהייב געטרייסט זיך, געמיינט,
דער חורבן איז נישט אזוי גרויס, און ס'געוויין
איז נאָך נישט קיין סימן פון אונטערגאנג, ניין!
אָט זע: ס'איז נישטאָ שוין קיין שטיין אויף קיין שטיין.
וואָס הייזער? ווו הייזער? — אַן אָפענער פלאַץ,
צעוואלגערט, פארשאָטן, צעריסן, צעפלאַצט...
די נאַקעטע קוימענס שווארץ שרייען צום רוים
מיט ברוכשטיקער מויער פארוואונדיקט און רוי...
ווער ווייסט, וויפל ס'ליגן באַגראָבן אָט דאָ
אַ הינטער די חורבות... ס'איז קיינער נישטאָ —
ווי גרויס און ווי טיף מוז זי זיין אָט די פּיין! —
נישטאָ ווער ס'זאָל זוכן זיין קרוב, זיין פריינט,
וואָס שטיקט זיך נאָך אפשר אַצינד אין דער טיף
אין שוצקעלער אונטערן גרוז און ער פרוווט
זיך רייסן אין אנגסט צו אַן עפענונג און וויל
זיין רוף זאָל דערגיין און זאָל ברענגען אים הילף...
— וואָס שרייסטו נישט, ערד! —ביסט אין בלוט דאָך געווייקט
אל קנא ונוקם!... און דו, גאָט, דו שוויגסט?!...

אויף דיר ישראל, אויף דיר זאָל זי פאַלן די שאַנד... — — —
אַ ריח פון אומקום... אַ ריח פון בראַנד,
פון סמאַלע און שוועבל דאָ פילט זיך אין לופט:
עס דריקט אים די שווערקייט פון אייגענעם גוף.
ער פילט ווי ב׳א תהום אין אַ שוואַרצן ער פאַלט,
עס שטיקט אים אַזוי ווי אַ פּעטליע — די שאַל:
— אַז ווי צו דיין לעבן... וואָס דו האָסט דערלעבט!...
די פיס ווי די קלעצער — שווער, קוים וואָס ער שלעפּט
זיך איבער די קופּעס מיט ציגל, מיט גרוז...
— דאָס הארץ וועט נישט אויסהאַלטן... ר׳פילט, אַז ער מוז
זיך אומקערן תיכף צוריק... ווען ער קען
אַנטלויפן, אַוועק פון דער ערד, פונעם ברען.
אַזוי ווי זיין זון יענעם טאָג, ווען עס האָט
דער שונא באַטראָטן די שוועל פון דער שטאָט.
אין צייט פון מהומה, צי האָט ער אים דען
גאָר אָפּרעדן נישט צו אַנטלויפן געקענט?
— קום, טאַטע, מיט מיר... ר׳האָט דעם זון נישט געפאָלגט:
— דעם גורל דעם זעלבן איך טייל מיטן פאָלק.
וואָס אים איז באַשערט וועט אויך מיר זיין באַשערט.
איך גיי נישט מיין קינד, איך פאַרלאָז נישט די ערד.
דאָ ליגן די זיידעס... מיין טאַטע דאָ ליגט...
מ׳האָט מיך דאָ געוויגט און כ׳האָב דיך דאָ געוויגט...
איך רעד דיך נישט אָפּ, קינד, ווילסט גיין — קאָנסטו גיין.
דיין טאַטע וועט בלייבן, ווי ס׳בלייבט דאָ דער שטיין.
דער זון איז אַוועק מיטן ריזיקן שטראָם
פאַרפאַלן, פאַרזונקען אַזוי ווי אין תהום.
אים דאַכט זיך, ער טרעט אויף הרוגים אַצינד
און אפשר, ווער ווייס, אויפן קערפּער פון קינד,
דעם איינציקן זון, וואָס איז דעמאָלסט אַוועק
און זיכער אַריין אין די הענט פון דער שרעק,
אין די הענט פון דער דייטשישער וואָך און ער איז
אויף חוזק און שפּיל אויפן דייטשישן שפּיז

געבומען געווארן... זיין איינציקער זון...
און דו, ישראל, דו האסט נישט ביז איצטער דערפון
אפילו געטראכט, אז עס האט אויך אזוינס
זיך טרעפן געקאנט מיט דיין זון... און דו שטוינסט,
וואס דיך האט ביז איצט אויסגעמיטן די קויל... — — —

— גיי, ישראל, קער זיך אום... ס'איז דעם ייד גוט און ווויל...
נישט אנדערש, משיח וועט קומען די טעג
און נישט מיט קיין גלייכן און זיכערן וועג, —
דורך גריבער, דורך וועלדער, דורך בערג און דורך טאל —
ר'וועט איילן, ר'וועט קומען דיך אויסלייזן, ישראל.
דורך צוימען, אקאפעס, דורך שטעכיקן דראט —
ר'וועט קומען און אנקומען אויך צו דיין שטאט.
פון מזרח וועט פירן זיין וועג דא אהער,
נאר נישט אויף אן איזל א ווייסן וועט ער
פאר דיר זיך באווייזן... פון יענעם זייט ברעג
מיט רויש און מיט רעש און פארשטויבט פונעם וועג, —
ר'וועט קומען דער אויסלייזער גאר אויף א טאנק
און אנשטאט א שופר — א ביקס אין דער האנט
און גיין וועט ער גיין ווי א זעלנער געקליידט,
און צווישן דער ערנוואך וואס אים באגלייט —
די מוטיקסטע שלאכטלייט די גאר ערשטע ציגן. —
וועט זיין אויך דיין זון... דו וועסט שטוינען און זען,
ווי ס'שפאנט שטאלץ און זיכער דיין זון אויבנאן
ווי ס'פלאמט אין זיין האנט אזא בלוט-רויטע פאן...
וועסט צופאלן צו אים און אויסשרייען: — קינד!...
די פאן ווי א חופה וועט שפרייטן דער ווינט
הויך איבער דיין קאפ און פארהויבענע הענט:
— מיין זון, זיי אויף דורות, אויף אייביק געבענטשט... —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין איינעם א שבת, ר' ישראל זיצט ביים טיש,
א טיש א פארשעמטער — אן חלות, אן פיש.

דאָס שבתדיק מעסער, אַ זאַלצמעסטל זאַלץ,
אַ רעפטל פון ברויט אלטס און שוין, דאָס איז אלץ.
אַן אָרעמע סעודה, ווי ס׳טרעפט אין דער פרעמד,
אַ שעפטשען פון זמירות, פארשטיקט און פארשעמט.
די באָרד קוקט אַרויס פון דער טערקישער שאל
(פון אָט יענעם טאָג ר׳טראָגט די שאל אויפן האלז).
ר׳ ישראל אוי, ר׳ ישראל, טו אַ קוק ווי זעסט אויס:
ס׳איז דאָך דער בטחון נאָך אלץ אזוי גרויס?
— אוי, מה יקר חסדו... און ס׳טוט אים אַ הייב...
דאָס ווייב קוקט אויף אים און ער קוקט אויפן ווייב.
אַ האַסטיקן קלאפּ אין דער טיר — געסט אַ פּאָר:
צוויי הינט און צוויי דייטשן פון דער געסטאַפּאָ.
מיט פּנימער פּרעכע די דייטשן די צוויי,
דער דריטער, דער עלטסטער — דער פּריצכסטער פון זיי.
די הינט ווי די דייטשן דערצאָרנט און בייז...
פון טיר ביזן טיש איז נישט מער ווי אַ שפּרייז.
אי רחל אי ישראל זענען בלייך ווי די וואַנט,
אָט איז עס דאָס אלץ, וואָס מ׳האָט ביז איצט געאַנט...
די בלוטיקע אויגן... די פּיסקעס... די ציין...
עס האלטן די דייטשן די מאָפּסן געציימט.
דער עלטסטער פון זיי טוט מיט ציין בלאַנק אַ בלישטש:
— ה ע ר א ו ס!... הענדע-האָך!... און עס ווערט אַ פּאַרמיש...
אַ בלוטיק געזינדל אין בלוטיקן קרייז,
איין הונט האלט נישט אויס דאָס געדולד און ער רייסט
אַרויס זיך פון דייטש און צום טיש טוט אַ שפּרונג...
אַרויף מיט די לאַפּעס... אַ לעק מיט דער צונג...
די דייטשישע הינט זענען קלוג און געניט.
נאָר אָרעם און לער איז דער טיש פונעם ייד.
די דייטשן, די הינט איבער שטוב שוין צעשפּרייט,
מע זוכט און מע ניוכעט... מע קערט און מע דרייט...
דער עלטסטער, דער דיקסטער, דער פּרעכסטער פון זיי
ער שטייט קעגן ישראל, מיט אַ שפּיצרוט פון בליי

— זינט זי איך יודע?... זינט זי איין קריסט?! — — —
... — זאָג אים... דערבארעם זיך... זאָג, ווער דו ביסט...
ר׳ ישראל גלייכט זיך אויס (דורך דער שאל פלאמט זיין באָרד)
אַזוי ווי אַ חלף איז שארף יעדער וואָרט:
— איך בין נישט קיין יודע.. איין טעריק... זאָ וואר...
אַ טערקישע שאל כ׳טראָג... און גאָט איז מיין האר...
דער דייטש ווי אַ דונער אַריין וואָלט אין אים,
מיט ציינקריץ, מיט שוים, מיט פארשיכורטער זייטים:
— דייך האר — דאָס בין איך!... יעדער דייטש!... שיפען ציין—
און דו ביסט אַ קנעכט און אַ קנעכט איז אַ שוויין!...
— נאָר קעגן רבונו-של-עולם איז רעכט,
אַז ביידע מיר זענען צוגלייך זיינע קנעכט.
— שווייג! — טוט דער דייטש זיך אַ ריס—האָלט דעם שנויץ!..
און רחל, איר דאַכט, ס׳איז מיט ישראלן שוין אויס.
פון פיבער צעפלאמט און טויט-בלאָס, קוים באהערשט:
— דעם אמת... וואָס טוסטו... ס׳דראָט טויט-שטראָף. . דו הערסט
זי פיבערט אויס ווערטער אַן זין און אַן טייטש:
—אַ יודע... אַ יודע.... מיר זענען... הער דייטש!
אין פלאמיגן אָרומגעכאפט שטייט שוין די שטוב
— אַ י—ו—ד—ע!.. און גלייך אויף איר גייט ער און שטופט
זי בהויז מיטן גיין זיינס... זי טרעט אויף צוריק
אין ס׳טוט פאר די אויגן זיך אַלץ אַ צעוויג...
— דייך זון ווו?... וו איז ער, האַ?... ביים באַלשעוויק?!
מיר האָבן פאר אים, אויך פאר אים גרייט אַ שטריק!...
ער וויל איר אַ ריס-טון די האָר מיט דער הויט —
און ס׳בלייבט אין זיין האנט — אַ פארקאַלטנטע שויט...
עס שרייען די דייטשן... עס בילן די הינט...
און ישראל שטייט אַזוי ווי אַן אומשולדיק קינד.
נאָר רחל, זי זעט שוין נישט, הערט שוין נישט מיק,
זי בלייבט אין דער שטוב מיט איר אייגן געוויין.
מיט אויגן מיט שטאַרע זי קוקט ווו, ווי בלינד.
נישטאָ שוין די דייטשן. נישטאָ שוין די הינט.

עס לעשט זיך אויף שויבן דאָס טאָגיקע ליכט.
זיי האָבן אים, ישראלן, גענומען מיט זיך,
איך ווייטיק זי ליגט ווי געבונדן מיט שטריק,
זי וועט אים שוין קיינמאָל נישט זעען צוריק?...

* * *

דער טאָג לאָזט אַראָפּ זיך, דער שבת פאַרגייט
אין טונקלקייט פון אַ פארגאנגענער צייט.
ס'איז אָוונט. עס טונקלען די טריט אויפן ברוק.
די צייט אויף צוריק האָט געטאָן זיך אַ רוק,
אויף הונדערטער יאָרן — אַ ריזיקן שפאַן...
אין אַט-אָ דער טונקלקייט שפּאַנט איצט איר מאַן...
פון הינט און פון דייטשישע באַגנעטן באַוואכט
ר' ישראל שפּאַנט פאָרויס אין דער טיף פון דער נאכט.
מע פירט אים דורך קעלערס, דורך טונקעלע געגנג,
דורך שוץ-קאָרידאָרן — פארטונקלט און ענג.
עס שמעקט מיט נבלה, מיט פוילעכץ, מיט פּראָך,
גלייך מענטשלעכע קערפּערס מע וואָלט דאָ געקאָכט.
עס נעמט נישט קיין סוף צו דעם פינצטערן גיין...
און ענדלעך פאר עפּעס אַ טיר בלייבט מען שטיין.
צוויי זעלנער. צוויי שפּיזן. ר' ישראל אין דער שאַל.
— דו זאָלסט פאר דעם שטאַב-קאָמענדאנט טון אַ פאַל!
מע עפנט די טיר און מע פירט אים אריין.
ר' ישראל בלייבט אַ ווייל אַ פאַרגליווערטער שטיין.
פון הינטן — אַ שטויס, און ר' ישראל טוט אַ פאַל...
דער שטאַב-קאָמענדאנט — אויף דער ברוסט אַ מעדאַל.
אַ שווערער, אַ טונקעלער חיהשער גוף:
— אויפשטיין! — באַפעלט ער. ר' ישראל שטעלט זיך אויף.
מיט אויגן ווי שפּיגען צוויי — גרינע ווי גאַל
ער קוקט אויף ר' ישראלן און קוקט אויף דער שאַל.
דער שטאַב-קאָמענדאנט טוט זיך גראָב אַ צעלאַך:

— צי ווייסטו נאָך וואָס מ'האָט אַהער דיך געבראַכט?
ער ווישט אָפּ ס'געלעכטער מיט גליטשיקע הענט.
דער האַנקרייץ שאָטנט אַראָפּ פון די ווענט.
ר' ישראל קוקט אים גלייך אין די אויגן, ר' ישראל,
ער טוט מיט קיין ברעם נישט קיין ציטער צומאָל.
דער שטאַב-קאָמענדאַנט האַלט נישט אויס מער זיין בליק
— זאָג, יודע, נאָך וואָס האָט מען נאָך דיר געשיקט?...
— פונוואַן זאָל איך וויסן, הער שטאַב־קאָמענדאַנט?...
— דעם יידן איז אַלצדינג באַוווּסט און באַקאַנט,
דו ביסט דאָך דער חשובסטער ייד אין דער שטאָט
איז ווייסטו באַשטימט וויפל יידן איר האָט
ביי זיך, אויף דער גאַס, אין דער שטאָט, איבעם לאַנד
איך ווייס: ס'איז נאָר אייך די צאָל יידן באַקאַנט.
אַ רונדיקער ציפער פון ייד אויף דער וועלט,
אַ רונדיקער ציפער פון ייד און זיין געלט.
קיין איינציקן ייד נישט פאַרפעלט און נישט מער —
ריכטיק און פּינקטלעך — געננוי ווי ס'געהער. —
אַ קוק אויפן זייגער: — אויב ס'וועט נישט ביז אַכט
דער חשבון זיין פּאַרטיק, דאַן ווערסט — אומגעבראַכט.
ר' ישראל, ווי ער וואָלט פון אַ תהום איצט אַרויס:
— איך בעט... נו, די הענט מיינע.. כ'בעט מאַכן לויז...
די וואַך מאַכט אים פרייער די קייט אויף די הענט.
וואָס האָבן ביז בלוט אים געשניטן, געקלעמט.
ר' ישראל, ניין, ער פילט נישט קיין ווייטיק צומאָל.
ר'וואָלט ברעכן געקאָנט איצטער אייזן און שטאָל,
עס דאַכט זיך אים אויס, אַז דאָס שטייט ער אַצינד
פאַר אים, פאַר דעם גרעסטן פון אַלע די הינט.
דאָס שטייט ער אַצינד אין די קייטן געשמידט
פאַר היטלער — דעם גרעסטן, דעם פרעכסטן באַנדיט.
און שווייגנדיק שטום ער פאַרהייבט און צענעמט
קוים-קוים זיינע שטומע געבונדענע הענט.
ר' ישראל וויקלט אָפּ פונעם פּנים די שאַל,

אַ ליכטיקייט טוט זיך אַ ריס, אַ צעפּראַל,
ווי זון-שטראַלן וואָלטן אַוועק אין אַ טאַנץ...
עס שיינט יעדע האָר מיט באַזונדערן גלאַנץ.
די באָרד שפּרייט זיך אויס און זי שיינט און זי בלענדט...
עס דאַכט זיך דעם דייטש, אַז זי קריכט אויף די ווענט.
ער זעט נישט קיין האָר, יעדע האָר איז אַ שלאַנג,
ס'פאַרוויקלט, ס'פאַרדרייט זיך אַ שלאַנגען-קייט לאַנג.
ער פילט נישט ווי ס'ווערט אים דאָס פּנים צעקרומט,
די כוואַליע פון שלאַנגען פאַרלייגט זיך אַרום
זיין האַלז און עס ווערט אים דער אָטעם פאַרשפּאַרט...
ס'באַשלאָגט אים אַ שווייס... און ר'האָט קוים זיך דערוואַרט:
דער זייגער צעקלינגט זיך אי לאַנגזאַם, אי שווער...
און קוים ער פּלאַצט אויס: — יאַ, אַכט אור, ביטע, כ'הער!
ר' ישראל גלייכט זיך אויס אין זיין גאַנצענער הייך:
— אָט האָב איך אַ חשבון אַ קלאָרן פאַר אייך:
צום ערשטן אויף צוואַנג-אַרבעט האָט אונז געניי...
דער מצרישער פּרעה אין אוראַלטער צייט.
געקנעכטן דאָס לייב פאַר זיין פעסטונג-געביי.
די אייגענע קינדער פאַרמויערט אין זיי.
מיר האָבן אים פּיתום-ורמסס געבויט,
און ער האָט אין ים-סוף געפונען דעם טויט.
אונז אויסשעכטן האָט זיך אַ המן פאַרגלוסט,
זיין שענדלעכער סוף פאַר דער וועלט איז באַוווּסט.
דער שפּאַנישער גרויס-אינקוויזיטאָר געברענט
האָט אונז אויפן שייטער און אונז נישט פאַרלענדט.
דאָס לאַנגע פּעטלורישע מעסער פון אונז
האָט שטיקער געשניטן... פּעטלורע, דער הונט,
פון אָרט פון פאַרברעכן אַנטלאָפן ער איז
און געפינען דעם טויט אין דעם שיינעם פּאַריז.
עס העלפט נישט דער לעבנס-רוים, ס'העלפט נישט דאָס געלט
ס'וועט שטענדיק זיין ענג פאַר פאַרברעכער די וועלט.
און וויפל מיר זאָלן נישט אָפּגיין אין בלוט —

דאָס פאָלק בלייבט אַ פאָלק: ס׳האַלט אונז אונטער דער מוט.
מיר זענען אויף וועלט אַזויפיל, וויפל האָר
עס זענען פאַראַן דאָ ביי מיר אין דער באָרד.
קיין איינציקער ייד נישט פאַרפעלט און נישט מער —
ריכטיק און פינקטלעך — גענוי, ווי ס׳געהער.
וואָס שייך דאָס פאַרמעגן — אויב כ׳בין איהן באַגלייבט —
שעכטן — שעכט איך און דאָס געלט נעמט מיין ווייב.
דער דייטש שיינט צופרידן, ער שמייכלט פאַר זיך,
און פלוצים ווערט ערנסט און שטרענג זיין געזיכט.
דער שטאַב־קאָמענדאַנט פון זיין לויער שפרינגט אויף...
עס ליאַרעמט דאָס גלעקל, ס׳צעטרייסלט די לופט.
עס פאַלן אַריין די שטורמיסטן — די וואַך
— אָט דיזער יודע האָט נאַרוואָס געלאַכט!..
געלאַכט פונעם דייטשיש: פאָלק און פון מיר!..
פאַרנעמט אים!.. אין לאַגער!.. אין לאַגער אים פירט! — — — —
באַפעלט ער די וואַך און ער זיפט דורך די ציין:
— פון דאָרט מעג ער פרווון אַנטלויפן אַהיים.
ביז מאָרגן באַגינען, גענוי זייגער אַכט,
זאָל ווערן די באָרד מיר אַהער דאָ געבראַכט.
קיין איין האָר נישט מער און קיין איין האָר נישט קנאַפּ,
די האָר פון דער באָרד דאַרף מען ציילן אין שטאַב.
קוים פעלט פון דער באָרד כאָטש אַ האָר — רעדט ער ווייך —
דאַן שיס איך באַזונדער אין יעדן פון אייך!
— באַפעל! — סאַלוטירן זיי — הער קאָמענדאַנט!
דער האַקנקרייץ שאָטנט אַראָפּ פון דער וואַנט.
ר׳ ישראל, אַ צעצונדענער, פילט נישט דעם פענט.
דעם שווערן, פון קייט — געשלאָסן אויף הענט
זיי הילן אים פאָרזיכטיק איין טאָקע באַלד,
די גילדערנע באָרד אין דער טערקישער שאַל...
ר׳ ישראל שפּאַנט געלאַסן באַגלייט פון דער וואַך,
ער שפּאַנט, ווי אַ בלינדער, אין חושך, איך גאַנץ.

* * *

דורך שטעכלדראַט-צוים לויפט עלעקטרישער שטראָם.
דאָ קומט נישט דער שלאָף. ס'איז דער שלאָף דאָ אַ תהום.
אַ טאָג אינעם לאַגער — אומענדלעכע פּיין,
וואָס גיסט זיך ווי בליי אין די גלידער אַריין.
די צוואַנג-אַרבעט איז — פאַרן טייוול געבויט.
אַ לאַנגזאַמע גסיסה — אַ זיכערער טויט.
קיין נוצן פאַר קיינעם — נישט מיר און נישט דיר,
אַ מאַטערניש שווערע און קלעפּ אָן אַ שיעור.
אַ גרוב גראָב מיט הענט אויס און צריק אים פאַרשיט
און ווידער געגראָבן און איבערגעשיט.
אַ טאַטשקע אַהין און אַ טאַטשקע אַהער
און שווייגנדיק שטום איז דיין אייגענע ערד.
נאָר בלויז, ווען די נאַכט שאַרט זיך צו — שרייען אויף
צעווייטיקטע ערד און צעווייטיקטער גוף.
ר' ישראל ליגט צונויפגעדרייט שטום אין אַ קנויל,
אַ קנויל פון יסורים, פון האַס און פון גרויל.
ער קאָן זיך נישט שענקען ביז אַט דער מינוט,
פאַרוואָס זיינע הענט זענען ריינע פון בלוט
געבליבן... זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין געווייקט
אין דייטשישן בלוט, שטאָט אין אייגן געוויין.
מיט אונזערע הענט מ'וואָלט דעם שונא דערשטיקט
און איך האָב צומאָל נישט געשלאָגן צוריק.
געקאָנט וואָלט דאָס מויל אונזערס רופן אויף בונט
און איך האָב געשוויגן, דאָס מויל האָט געשטומט.
דאָס אויג האָט געזען ווי מע שענדט און מע פּלאָגט...
ס'גאַרט ווידער ווי שטענדיק נאָך ליכט און נאָך טאָג.
עס ווייִנט אין מיר ס'בלוט אַ פאַרשולדיקט געוויין,
וואָס האָט נישט קייל ברעג, ווי אָן ברעג ס'איז די פּיין.
פאַרוואָס האָב איך דעמאָלט נאָך, פון אָנהייב אָן,
נישט קעגנגעשטעלט זיך, געפאָלגט, אַלץ געטאָן...

ער פילט אין די אָדערן פיבערט דער האַס:
פאַרוואָס האָט ער דאַמאָלסט געשוויגן אין גאַס,
ווען מ'האָט אים געפירט צו דעם שטאַב-קאָמענדאַנט,
ווי נישטיק, ווי קליין, ר'האָט געמוזט אויסזען דאַן...
באַדאַרפן הכנעהדיק צופוסן גראָד
צום שטול און ווי כלומרשט ר'זאָל בעטן אים גנאָד
אַ צי־טון זיך האַסטיק צו אים מיט די הענט
פאַרכאַפּן, פאַרשליסן דעם האַלז אין דער קלעם.

פאַרוואָס האָב איך פריער נישט געדעדט זיך צונויף
אַ פעסטונג דאַרף זיך יעדער ווינקל און הויף.
אַ מענטש מיט אַ מענטש און עס וואַקסט אויס אַ וואַנט
און איטלעכע שטוב ווערט — אַ שלאַגיקע האַנט.
זאָל זיי דאָס פאַרברעכן נישט אָנקומען גרינג:
פאַרגיפטיקטע פיילן פון אַלט און פון יונג
אין דייטשישן קרעציקן לייב וואָס מע שלייכט

דעם שווערן, דעם דאָרניקן טויט-וועג פאַרלייכט.
עס גיט דיר צו כוח און מוט — פילסט דעם טעם
פון זיסער נקמה, וואָס מאָנט אונזער שטאַם,
וואָס מאָנט יעדער אבר ביי אונז אין די נעכט:
צעברעך זיי! פאַרניכט זיי! דערהרגע! דערשטעך!...
ווייל אומקומען אויב ס'איז באַשערט סיי-ווי-סיי
איז ווי שמשון הגבור — אינאיינעם מיט זיי.

נאָר קלאָר איז מיר איינס און כ'בין זיכער דערין
אין אייגענעם שפינוועבס קומט אום אויך די שפין.
אויף טויט איז פאַרמשפּט דער היטלערשער דור
פאַר שליפן אין אָפּגרונט אַריין אונזער וואָר.
אויף אומקום, אויף אויסראָט ביז לעצט, אַז ער זאָל
פון אים נישט קיין זוימענדל בלייבן צומאָל.
די היטלערשע בלוט־נאַכט וועט גיך גיין צו ענד,
דאָס מעסער דאָס לאַנגע וועט ווערן געווענדט
אין האַרץ פון די וועלט-מערדער און זייער הויפּט,
וואָס שטענדיק דער ערשטער די בלוט-האַק פאַרהויבט.

די רום-טרעפ זיין וועלן אים — אונטערגאַנג-טרעפ
מיט זיין אייגענער האַק וועט ער ווערן געקעפט.
און זאָל זיך דער היטלער-קאָפּ קייקלען אַראָפּ
צוגלייך מיט דער בלוט-נאַכט — דער פינצטערער וואָב —
אין תהום פון פאַרגעסן, אין אָפּגרונט פון שאַנד
און זאָל מער זיין נאָמען נישט ווערן דערמאָנט.
און זאָל מער און קיינמאָל נישט ווערן געדאַכט
דער נאָמען פון דעם, וואָס בלויז שאַנד איז זיין שבח,
און טויט אויפן אָרט האָט געדאַרפט זיין זיין גנאָד.
ס'געוויסן פון וועלט ר'האָט געוואָרפן אויף שפּאָט,
געטאָפּטשעט דערוין און געלעסטערט, געשימפּט...
אפילו איין האָט עס נישט הייסן נאָך אים.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ר' ישראל פילט דערלייכטערונג. נאַכט איז. אים דאַכט
דער לאַגער איז גאַנצער טרעט אָפּ אין דער נאַכט.
ס'פאַרשווינדט דער באַראַק מיט די גיפים פאַרקנוילט —
דער אָפענער קבר מיט גופים צעפוילט,
די דייטשישע וואַך און דער דראָט-צוים פאַרשווינדט,
ר' ישראל איז אַצינד אין רשות פונעם ווינט,
וואָס טראָגט אים דורך האַרבסטיקע פעלדער צום וואַלד.
אָט דאָ האָט דער פיינט נישט קיין שליטה, נישט חל
איז דאָ אינעם וואַלד זיין געזעץ און זיין גזר.
דו, ישראל, ביסט אויף אַלץ דאָ אי שומר, אי האַר.
ווי משה דערזען האָט דעם דאָרן וואָס ברענט,
דעם דאָרן וואָס ברענט און וואָס ווערט נישט פאַרברענט.
אַזוי זעט זיך, ישראל, דאָ, אין ווילדן געפלעכט —
אַ טייל פונעם אוראַלט, וואָס ס'קאָן קיין שום שלעכטס,
קיין שום בייזע קראַפט אים נישט גובר זיין מער.
און פּלוצים זיין אייגענע שטים ער דערהערט.
מיט אַפּהילך פון טויזנטער שטימען — זיין שטים
— ווּנגי! — זאָגט ישראל זיך אַליין. ס'דאַכט זיך אים.

אַן עדה מיט יידן זיין קומען דערוואַרט.
נאָר נישט ווי די יידן אין לאַגער פאַרשפאַרט,
מיט הילפלאָזן צער אין געבראָכענעם גייץ. —
באַוואָפנטע יידן מיט הערצער פון שטיין,
מיט אָפענעם האַס און מיט ביקס אין דער האַנט —
אויף אָפשלאָגן יעדן פאַרנומענעם שפּאַן
פון שונא — אַראָפּיאָגן אים פון דער ערד.
אַט איצטער ער ווייסט שוין זיין אייגענעם ווערט.
זיין לעבן איז טייער, ער גיט עס נישט אָפּ,
צען דייטשן, צען קעפ — פאַר איין יידישן קאָפּ.
און דאָס איז אויך ווייניק, צו ביליק דער פּרייז,
אפילו פאַר חיות — אומווירדיקע שפּייז.
צעוויגט איז דער וואַלד און זיין האַרץ איז צעוויגט,
צעוויגט איז די ערד, כאָטש א שטומע זי ליגט.
אַ צווייג אין אַ צווייג און אַ בוים מיט אַ בוים
פאַרשפּונען אין וואַלדישן טונקעלן טרוים.
אַ וואַלד-האַר אין וואַלד-טיף ער גייט דאָ אַרום,
דער רויש איז זיין רויש און דער ברום איז זיין ברום.
און אַלצדינג, וואָס ווידמעט זיך דאָ אינעם וואַלד,
ליגט אונטער זיין שטים, זיין באַפעל, זיין געשטאַלט.
ס׳ליגט אָפן און קלאָר ווי ביי אים אויף דער האַנט
דער וועג, יעדעס שטעגל און אַלץ מיטאַנאַנד,
וואָס פירט צו דער נאָרע פון דייטשן געשפּענסט.
און אויך דו, ישראל, גייסט מיט פייער און ברענסט
אויס לעבער אין דייטשישן פוילישן לייב,
פאַרהייב ביז די הימלען דאָס פייער, פאַרהייב... — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס האָב איך דיך זעען געוואָלט אַט אַזוי,
דאָס האָסטו געוואָלט אויך זיך זעען אַזוי.
און כאָטש ליגסט אין לאַגער געבונדן אין פּיין,
איך זע דיך, ישראל, אויך פון וואַלד-אַרויס גייץ.

אין איטלעכער שלאַכט און אין יעדן געפעכט
עס זענען די הענט דיינע אויך דאָרט פאַרפלעכט.
מיט טויזנט קעפ זיין מעג דאָס דייטשע געשפענסט,
עס שלאָגט די נקמה מיט טויזנטער הענט.

* * *

אַ לאַנג איז די נאַכט און דער נאַכט-וועג איז לאַנג,
ווי לאַנג ס׳איז דער לעצטער פאַרמשפּטער גאַנג.
דער וועג, וואָס צום טויט פירט, איז לאַנג אָן אַן עק,
דער טרייער באַגלייטער צום טויט איז די שרעק.
נאָר טיילמאָל דערשרעקט זיך די שרעק פאַר דעם גאַנג,
צומיינסט, ווען דער גאַנג ווערט באַגלייט פון געזאַנג,
וואָס רייסט זיך אַרויס פון דער קעל, פון דער טיף,
ווי ס׳רייסט זיך דורך שטורעם פאַרעקשנט אַ שיף.
נישטאָ אַזאַ כוח, וואָס קאָנען ער זאָל
דאַן אָפּהאַקן, אָפּשטעלן ס׳זינגענדיק קול,
דאָס קאָן נאָר באַוויזן בלויז זיין מאַיעסטעט —
דער טויט, וואָס קומט דאַן, ווי אַ צערטל, אַ גלעט.
די שרעק טרעט דעם וועג אָפּ — פאַרטייעט זיך ווו...
ס׳קומט — אָנשטאָט דעם אומרו — געלייטערטע רו.
מיט אַ אַזאַ טויט, ווי עס איז אויף דער וועלט
באַוווסט, שטאַרבן מוטיקע לייט, שטאַרבט אַ העלד.
נאָר זיי, די קאַנאַליעס, די היטלערשע הינט —
די פאַרשאָלטענע כנופיה — איז טויב און איז בלינד.
פאַר זיי, די קאַנאַליעס, מוזיק איז — געוואַי...
זיי לאָזן אפילו נישט שטאַרבן אַזוי.
די בעסטיעס דערלאָזן נישט קיינמאָל דערצו...
אַזוי ווי דער שעפס ווערט פון וואָלף בייז פאַרצוגט —
אַזוי קומט דער ייד אום פון זייערע הענט.
אַזוי ווערט דער ייד און זיין לעבן געשענדט.
ווי חיות זיי לעקן דאָס בלוט פון דער וווּנד:

— אויב ביסטו אַ יודע — „אַן שטאַרב ווי אַ הונט!
ווי לאַנג הערשט דער שונא אין לאַנד און ס'איז שוין
דאָס פעלד — אַ בית-עלמין, אַ תליה — דער בוים.
אין האַרבן, אין גראָען באַגין — קוים עס העלט,
אין האַרבסטיקן שטום-אָפּגעשניטענעם פעלד, —
ווער זיין וועט אַן עדות, איצט צוזען ווער וועט,
ווי ס'לויפן דריי יידן אין אונטערשטע וועש?
עס הענגט אין דער לופטן ווי שפּינוועבס דער שלאָף,
עס ווערן דריי יידן געטריבן, ווי שאָף,
ווי שאָף צו דער שחיטה אין שעכטהויז אַריין,
וואָס וועלן פון דאָרט מער אַרויס שוין נישט גיין.
אַ יינגל, אַ זקן, אַ ייד אין אַ שאַל —
אין העמדער פאַרבלוטיקט מע לויפט און מע פאַלט.
דריי יידן פאָרויס און זעקס דייטשן נאָך זיי —
אַן אומזין-געלייף מיט געזאַנג און געשריי.
עס לויפן די יידן די דריי נאָכאַנאַנד,
ווי ס'קלינגט דער באַפעל: עס זאָל איין אַרעסטאַנט
דעם צווייטן מיט קלעפּ אונטעריאָגן אין גאַנג
און ס'זאָל נישט אַנטשטומען אין וועג דאָס געזאַנג
און זינגען זאָל יעדער פון זיי וואָס ער וויל —
אַ פריילעכע לוסטיקע דייטשישע שפּיל.
פון לאַגער מיט שטעכלדראָט ביז צו דעם וואַלד
דעם וועג נאָר באַקאַנט איז דאָס בלוט און ס'געוואַלט.
דער הימל איז בלינד דאָ, אַז נישט וואָלט אָט ערשט
אַ מבול געשיקט ער, און טויב איז די ערד,
אַז נישט וואָלט זי זיכער געשפּאָלטן זיך איצט
און וואָלט זיי, די דייטשן, פאַרשלונגען געוויס.
דו, גאָט, אין די הימלען! ווו ביסטו אַצינד?!
ס'וועט אפשר דער וואַלד זיך צערוישן אָט באַלד
מיט שטורעם, מיט בליץ און מיט דונער-געקנאַל.
נאָר ניין, אויך דער וואַלד אומבאַוועגלעך איצט שטייט
אין האַרבן באַגינען... אויך ער שטומט... ער שווייגט...

און פּלוצים:
— קאָמאַנדע!
האַללט!
שטיין בלייבן!
האַללט!
אַ האָגל פון קוילן אין לופט זיך צעפאַלט.
דריי ייִדן, זעקס דייטשן מיט ביקסן געצילט:
— גענוג מיט דעם קרעציקן ייִד זיך געשפּילט!
דער הויפּט־שטורמיסט טוט מיטן שפּיצרוט אַ קנאַל:
— דו, יודע, בינד אָפּ, וואַרף אַראָפּ גלייך די שאַל!
ר׳ ישראלן צום קאָפּ טוט אַ שלאָג דאָס געבלוט.
ער פילט נישט צומאָל וואָס די האַנט זיינע טוט:
ווי נאָר ס׳פאַלט די שאַל פון זיין פּנים אַראָפּ
איז העכער געוואָרן ר׳ ישראל מיט אַ קאָפּ.
ס׳האָט אויפגעפלאַמט פּלוצים מיט הייליקן פלאַם
די גילדערנע באָרד — אַ צעשמאָלצענער ים.
עס קוקן די דייטשן מיט אויגן צעשפּאַרט...
דער הויפּט־שטורמיסט טוט אַ געשריי אומדערוואַרט:
— אַזאַ קאָנטראַבאַנדע פאַרבאָרגן פון מיר?!
און לאַכט זיך פונאַנד ווי פון זינען געררירט.
די באָרד שיינט צולהכעיס אַנטקעגן און בלענדט,
ר׳ ישראל פּרוווט פאַרשטעלן די באָרד מיט די הענט.
דער פירער־שטורמיסט טוט אַ שמיץ מיט דער רוט,
די רוט ווערט פאַרשמירט רויט מיט יידישן בלוט.
די ייִדן די אַנדערע צוויי שטייען שטום,
דער דייטש מיטן שפּיצרוט צעשמייכלט זיך קרום.
ער ווענדט זיך צום ערשטן, צום ייִנגסטן פון זיי:
— אַנו, רייס די באָרד אויס — דאַן לאָז איך דיך פריי!
כ׳וועל ציילן ביז דריי — יעדעס וואָרט זיינס ווי בראַנד —
די באָרד ביזן וואָרצל זאָל זיין אין דיין האַנט! —
עס שווידערט דאָס יידישע ייִנגל — קיין וואָרט,
ער שטייט ווי פאַרגליווערט, פאַרשמידט צו דעם אָרט.
ער זעט נישט ישראלן. ער זעט בלויז אַ באָרד.

אַ באָרד-פלאַם צעבלענדט און — ס׳וועדט עפּעס אים קלאָר
און גרינג אָט דערפון, וואָס ער רירט זיך נישט צו
צום ייד, צו זיין באָרד — צו דעם העלישן גלוט.
— פאַרפלוכט!.. דאָנערוועטער!.. דו שמוציקער שווייג!
פאַרקריצט דער שטורמיסט זיינע פוילקע ציין.
אַ פלעם מיטן שפּיצרוט:

— קאָמאַנדע — אַ זאַלפ!

אַ וואַקל, אַ וויג זיך, אַ בייג און — אַ פאַל.
דער הויפּט-שטורמיסט רויק ווישט אָפּ זיך דעם שוויס,
ווישט אָפּ זיך די רוגזה — דאָס שלעכטס און דאָס בייז.
ער ווענדט זיך צום זקן: — כ׳וועל ציילן ביז דריי,
אַנו, רייס די באָרד אויס — דאַן לאָז איך דיך פריי!
עס שוידערט דער זקן פון איטלעכן וואָרט.
ער שטייט ווי פאַרגליווערט — פאַרשמידט צו דעם אָרט.
ער קוקט אויף ישראלן און זעט בלויז זיין באָרד,
וואָס שטראַלט מיט אַ ליכט, אַזאַ לויטערס און קלאָרס.
ער קוקט אויפן ייִנגל, וואָס ליגט נעבן אים
באַפרייט שוין פון פּיין... און עס ציטערט זיין שטים:
— דאָס לעבן און טויט פונעם מענטש איז געווענדט
אין גאָט און צו אים הייב איך אויף מיינע הענט.
— פאַרפלוכט!.. דאָנערוועטער!.. דו לויזיקער שוויין!
פאַרקריצט דער שטורמיסט זיינע פוילקע ציין.
אַ פלעם מיטן שפּיצרוט:

— קאָמאַנדע — אַ זאַלפ!

אַ וואַקל, אַ וויג זיך, אַ בייג און — אַ פאַל.
אַ שטומקייט, אַ שטילשוויגן בלויז אויף אַ ווייל.
עס ליגן דערשאָסן די יידן די צוויי.

ר׳ ישראל שטייט אַליין מיט זיין באָרד, אַז אַ וואָרט:
— הער! יודע! דו רייס זיך אַליין אויס די באָרד!
ס׳צעוויגט זיך דער הימל. ס׳צעוויגט זיך די ערד.
עס שטייען די ביימער ווי איבערגעקערט.
ער הערט נישט ישראל און ער זעט נישט וואָס דאָ

אַרום אים קומט פאַר — ער איז דאָ און נישט דאָ.
די הענט אין דער הויך ווי צום דוכענען גרייט:
— מיין זון, ווו דו לעבסט, הער, פאַרנעם מיינע רייד...
מיין בלוט וועט נישט רוען... ס'וועט שרייען מיין בלוט...
(ער זעט נישט, ישראל, וואָס אַרום אים מע טוט.
זיין בליק איז פאַרשווימען, איז ווייט, ערגעץ-ווו)
ס'וועט מאָנען ביי דיר... ס'וועט נישט האָבן קיין רו...
זיי זיך נוקם ונוטר פאַר יעטוועדן טראָפּ!..
ס'ווערט עפּעס אים לייכט און אַלץ לייכטער דער קאָפּ.
עס שטייען דיביימער צוריק אַזוי גלייך,
אַט בלאַנקט ווי אַ מעסער פון וויטן דער טייך.

דער הימל ווי פריער איז — באַגינענדיק, גראָ,
דער ווייטיק קערט אום אים צוריק אין דער וואָר.
זעקס דייטשן מיט מעסערס — פאַריסן, פאַרשייט
ר' ישראל מיט זיין באָרד האָבן בלוטיק צעשיידט.
עס כריפּעט אַ שטינקענדיק ווערעמדיק מויל:
— דעם קרעציקן יודע פאַרשפּאָרן די קויל!
— הייב יודע פון דר'ערד. אויף דיין לויזיקע שאַל!
עס וועלן די ראָבן באַלד האָבן אַ באַל...
— נישט איך... דו, מיין זון, דו באַצאָל זיי פאַר אַלץ!...
די שאַל ווערט פאַרוואָרפן ישראלן אויפן האַלז.
אַ ווייל — און די ערד אונטער פיס אַט פאַרשווינד...
דער צווייטער ברעג שאַל ווערט פאַרבינדן צום בוים.
— הייבט-איך.. מאָרגן-איר.. א-ו-ך.!.. האָלט חשבון.. מיין קינד.
ס'צערעוועט זיך, ס'שיפּעט דער תליון מיט שוים:
— לאָזט מיך!.. אַט אַזוי!.. כ'וועל עס מאַכן געשיקט...
ר'זאָל לאַנגזאַם זיך ווערגן און ווערן דערשטיקט.
מע רייסט אים, מע שלעפּט אים... אַ הויב... אַ פאַרבינד...
אַזוי ווי אין שעכטהויז, להבדיל, אַ רינד... — — —
אַט דאָרט אויפן בוים צווישן טייך און דעם וואַלד
וויגט זיך ר' ישראל אויף דער טערקישער שאַל.

אַלמאַ-אַטאַ, שבט — אדר א' ת'ש'ג.

# יי ד ן

און וויפל איך זאל בישט פארשטעלן פון זיך
די הילפלאזע עדה — געזיכט נאך געזיכט —
שווימט אויף אין מיין חלום און טרעט מיך נישט אפ.
אט טוט א פאררייב זיך צעשראקן א קאפ

און זעצט זיך אזוי ווי פארזונקען אראפ,
געשטרויכלט אין וואנזינעם גאנג צום אקאפ.
אן עדה, א גרויליק־פארדרענגטע, וואס ווערט
צין קלעם פון באגנעטן און הייסן געווער
געפירט צו די גריבער, אהינצו צום וואלד,

ווו ס׳צאפלט א לעצטער, פארבלאנדזשעטער שטראל.
א האנט א געביילטע פארהויבט זיך און פאלט...
פארצווייפלונג - געשרייען פון יונג און פון אלט,
געמישט מיט געוויינען, פארמשפט געזאנג
באגלייטן דעם אונטערגעשניטענעם גאנג.

צעריסענע קליידער, צעפלאשעטע בערד
און גופים פארקויטיקטע — שווארץ ווי די ערד.
די יידן פון נאלעווקעס — אטלעס און זייד
מיט יידן פון סמאטשע, קראכמאלנע — ביי זייט.
ס׳גייט גזשיבאוו געארעמט מיט מוראנאוו־פלאץ —
איין גוף איצט — פארפייניקט, צעשיילט און צעקראצט,
געשטופט און געשטויסן, געשלאגן, געהאקט, —
וואס צייכנט מיט בלוט לעצטן גאנג אויפן טראקט
צום טויטונג־ארט הינטער דער חרובער מיל.

אט זע איך גיין יאנקלען. ס׳גייט פייוול, ראכמיל
און מישקע — ווי שטענדיק א רויקע — האלט
קוים אונטער א בלייכע די מאמע וואס פאלט...
די מומע נחמה גייט נאך נאכן מאך,

צוויי קינדערביים זייט און איין קינד אויף דער האנט.
דער שמש רב אהרן אן היטל, ווי דול.

פאַרקראַמפּט אין דער האַנט ר׳האַלט די שליסלעך פון שול.
דער פאָלקס-דיכטער הערשעלע איז אויך דאָ פאַרמישט,
פאַרפלאָנטערט אין עולם... ער בלעטערט און מישט
זיין ביכעלעך לידער — ער גייט און ער שרייבט
אַריין איצט דאָס טויזנט-און איינע ליד... ס׳ווייבל
די שוויגער, די קינדער פאַרהאַלטן ס׳געוויין,
פאַרהאַלטן ס׳געקרעכץ פון געשוואָלענעם גיין.
מע זאָגט זיך דעם „שטילער זייטס!” פונקט ווי אין שטוב
מ׳פאַרגעסט אויף אַ ווייל, אַז דאָס גייט מען צום גרוב.
— פאַר וועמען? פאַר וועמען? געפונען אַ צייט!..
נאָר הערשעלע הערט נישט. ער שרייבט און ער גייט.
און חסידים אין טלית-און תפילין געהילט
פאַרשרייען ס׳געשריי מימין: — שטיל זאָל זיין, שטיל!...
און רעדן נישט אויס מער קיין וואָכיקע רייד,
פאַרטון אין יום-כפורדיק דאַוונען. ס׳גייט
דער אַלטיטשקער גרייז — דאָקטער שפּאַק מיטן ווייב,
וואָס נעמט נישט די ברילן אַראָפּ. ר׳איז פאַרגלייכט,
אַז סוף-כל-סוף וועט מען זיי לאָזן אַהיים...
ס׳הייסט, ס׳קאָן דאָך נישט מעגלעך זיין... ס׳קאָן דאָך נישט זיין,
אַזויפיל שוין דורכגעמאַכט צרות מיט שלעק
וועט אויך צו דעם שלעפּן זיך נעמען אַן עק.
מע קאָן דאָך נישט אויסהרגענען אַלעמען, ניין!
דאָס קאָן נישט געמאָלט זיין... בלויז טויט-שרעק, נישט מיין...
דאָס ווייב טראָגט דאָס זילבער-געשיר אין אַ ציך
און ער טראָגט דאָס דאָקטערשע רענצל מיט זיך,
רפואות אַ צענדליק, אַ שפּריצער צום האַלדז...
קוים פאַלט וועער חלשות, ווי ס׳מאַכט זיך אַ פאַל...
קיין עין-הרע אַן עולם אַזאַ — אַ געוואַלט!
ער זעט נישט צומאָל ווי מע גייט און מע פאַלט
דאָ אונטער זיין נאָז... איבער גופים מע טרעט,
מע טרעט אויף געפאַלענע, שטום, אַן אַ קרעכץ,

אויף אייגענע, נאָענטע, אויף טייערס און ליבס..
— דערבאַרעמדיק - האַרציקער פאָטער, פאַרגיב!
ווי מוחל די יידן, זיי טאָרן דאָך איצט
נישט אָפּשטעלן זיך אויף קיין ווייל, ווייל אַז נישט —
איז אומקום, איז טויט און נישט סתם אַזוי טויט,
סתם טויט איז קיין טויט נישט, סתם טויט איז — אַ לויב
צום הימל דערפאַר.. ס׳איז אַ טויט דורך דער שפּיז.
דורך דער דייטשישער שפּיז און דורך הונדערטער פּיס,
וואָס טרעטן, צעטרעטן און פילן דערביי
יסורים אין בלינדן געצווונגענעם גייך.
— וואָס האָבן אזוינס מיר געטון אומגערעכטס?
ווו זוכט מען דעם שורש פון אַלעם דעם שלעכטס?
איצט הערט שוין נישט קיינער — געוויין און געשריי
בינדט פעסט איצט דעם טויטן-צוג, בינדט ריי נאָך ריי.. — — — —
עס לאָזט זיך דער פוירהאַנג אַרונטער — די נאַכט.
— ווו זענען די יידן,.. איך איינער בין וואַך,
בין ווייט און בין איבערגעבליבן — דאָס קול,
דאָס מאָנענדיק קול פון פאַרפייניקטן פאָלק,
כ׳בין פלייש פון דעם פלייש און בלוט פון דעם בלוט
אויף מאָנען דעם חוב פאַר דעם בלוטיקן שניט.

1946

# בלוט פאר בלוט

# כ'בין אין חלום געווען ביי דיין שטאַרבן

כ'בין אין חלום געווען ביי דיין שטאַרבן.
כ'האָט געלויכטן אין קלאָר־ווייסן בלענד
דיין געזיכט און דיין בעט און די ווענט.
כ'וויל געזעגענען נאָר שטום בין זאָך שטאַר בין.

און איך שטיי ביי דיין טיר אומדערקענט.
ס'האָט דער טויט מיט אַ ריח אַ הארבן
מיר דערמאָנט, אַז אויך איך אין געפאר בין...
דיינע הענט, די פאַרצווייפלטע הענט —

מ'יד פון זוכן מיך — פאַלן אַרונטער.
דיין געשטאַלט לעשט זיך אויס און פאַרשווינדט
און אין דרויסן פאַרשטאַרקט זיך דער ווינט
און די זון און מיין חלום גייט אונטער.

ס'פאַלט די נאַכט אויף מיין אַקסל — אַ שלייער
אַ קרעפּ־שוואַרצער פול טרויער און פּיין.
נאָר מיין ליד און מיין טרוים, וואָס איך פייער
מיך באַגלייט, וועט נישט קיינמאָל פאַרגיין.

מאָסקווע, מערץ, 1946.

# הארבסט־מאָטיוו

אָרום איז האַרבסט אַצינד
מיט געלן בלעטער־פֿאַל
און איך ווייס נישט. צי
כ׳זאָל טון צו דר׳ערד אַ פֿאַל,

אַט ווי אַ קינד, וואָס האָט
נאָך בלאָנדזשעניש און שרעק,
אָנגעטראָפֿן גראָד
אויפֿן גלייכן וועג.

פֿון שטענדיק אָן אַזוי,
ווען די האַרבסט־צייט קומט,
דינער ווערט דער בוים
און בלעטער פֿאַלן שטום.

פֿאַרלאָזן צווייג און שטאָב
און לייגן זיך צו פֿיס...
ס׳טרעפֿט אויך, אַז דער סם
איז אויפֿן גומען זיס.

דער גאַנג צום אונטערגאַנג
איז האַרבסטיק־ביטער־האַרב.
דער שיין פֿון זון־פֿאַרגאַנג
באַשיינט דעם מענטש וואָס שטאַרבט.

און נישט עס אַרט דיך גאָר
און נישט דער טרויער נאָגט.
דו ווערסט אַ טייל פֿון וואָר,
אַ טייל פֿון נאַכט און טאָג.

די איינזאַמקייט פֿאַרשווינדט,
די שרעק ווערט דאַן אויס שוין.
דו זעסט זיך צוריק אַלס קינד
און גייסט צום טויט אַוועק.

1943.

# באַלאַדע פון מענטש מיטן שיסעלע זופּ

איך שטיי אויף דער גאַס מיטן שיסעלע זופּ
און כ'מיין, אַז איך בין איצט ביי זיך אין דער שטוב

אויף מיילן אויף טויזנטער ווייטע פון הי
(עס טרעפט מיט אַ מענטש אַזאַ זעלטענער פלי).

די צייט, וואָס ליגט צווישן — פון גרויל און פון שרעק —
איז ערגעץ פאַרשוואונדן, איז ערגעץ אַוועק.

מיט דאַמף פונעם הייסן געקעכץ איז באַהויכט
דער שפיגל, די שויבן, די שוואַרצאַפּלען אויך.

דאָס שיסעלע בלאָ איז און בלאָ איז דער טאָג.
דער ריח פון עסן צום קאָפּ טוט אַ שלאָג.

איך הער נישט דעם רויש פונעם נאָנטן וואָקזאַל.
ווער זאָגט ס'איז אַ גאַס? — ס'איז אַ ליכטיקער זאַל,

מיט ביימער - גירלאַנדן ביי זייטן צעשטעלט,
מיט געסט אָנגעפאָרענע פון גאָר דער וועלט.

אויך איך אַזאַ גאַסט בין, פאַרבעטן מיך האָט
דער עלטסטער, דער חשובסטער גרייז פון דער שטאָט.

ווער זאָגט, אַז דאָס מלבוש וואָס כ'טראָג ביז דער האַלב —
אַ פעל וואָס קריכט אויס איז — אַ פעל פון אַ קאַלב? —

עס איז גאָר אַ סמאָקינג — אַן אוונט-קאָסטיום,
מע טראָגט אים אין טרויער-טעג פייערלעך-שטום

און אויך אויף אַ שמחה מיט טישן געדעקט,
מיט ווייַנען, מיט טייערע מאכלים וואָס ס'שמעקט...

כ'פאַרגעס, אַז איך בין אין אַ שטאָט סאַמאַרקאַנד
מיט קעמלען און אייזלען אין ארבאס *) געשפּאַנט;

אַז כ'האָב זיך אין פּראַכט-עשעלאָנען געשלעפּט,
מיט קינדער צעשראָקן, מיט בעטגעוואַנט, טעפּ...

מיט מאַמעס, וואָס האָבן געשוויגן; ווען ס'האָט
דער שונא מיט באָמבעס פאַרפאָלגט יעדן טראָט.

כ'פאַרגעס, אַז איך האָב מיין געלעגער געטיילט
מיט גופים פאַרלייזיקט — צעקראַצט און צעשיילט.

איך בין איצט אַ פּרינץ. מיך געשיקט האָט אַ לאַנד,
וואָס איז ווי אַ וווּנדער פאַר אַלע באַקאַנט.

מיין נאָמען? — אַ פּרינץ מעג פאַרגעסן ווי ר'הייסט.
איך פּיל נישט דעם ווינט אויף מיין פּנים וואָס בייסט...

דאָס שיסעלע וואַרעמט. די וואַרעמקייט דרינגט
אַריין אין די ביינער מיט יעדערן שלונג.

כ'פאַרגעס, אַז אַ פּוס טוט מיר ווי, כ'האָב אַ וווּנד
און כ'גיי ווי עס גייט אַ געשלאָגענער הונט.

כ'בין שטאָלץ און פאַריסן — ווער איז צו מיר גלייך?
מע רעדט צו מיר אידל, מע רעדט צו מיר ווייך.

מע קוקט אויף מיר מאָדנע אַזוי ווי פאַרגאַפט,
גלייך כ'וואָלט זיך געיחוסט מיט עפּעס אַ גראַף.

---

*) א הויכער וואָגן אויף צוויי רעדער.

און אַלע אָרום ווילן הערן מיין וואָרט
פון לאַנד מיינס, וואָס זוכט אויף דער וועלט איצט אַן אָרט.

אינגאַנצן דערשוויצט כ׳בין — באַגאָסן מיט שווייס,
און פּלוצים — כ׳דערמאָן זיך מיין נאָמען ווי כ׳הייס.

עס פלאַצן די לאָמפּן, עס וויגט זיך דער טיש...
און קוים, וואָס דאָס שיסעלע מיינס כ׳האָב דערווישט.

דער דאַמף איז פאַרשוווּנדן צוגלייך מיט דער זופּ,
כ׳בלייב שטיין, ווי דערזען כ׳וואָלט מיין אייגענעם גרוב.

דאָ אָנשטאָט די גראַפן, די זעלטענע געסט —
אַ סטאַיע מיט הינט האָט געקוקט ווי איך עס.

אַ געלער קודלאַטער מיט אייטער אין אויג,
ווי ר׳וואָלט זיך פאַר מיר נאָר אין דרייען פאַרנויגט.

אַ קונדעל אַ גראָער מיט ווידל פאַרדרייט,
ער שאַרט זיך הכנעהדיק צו צו מיין זייט.

צוויי הינטלעך צעבייסן זיך מיט אַ געהויל.
איך פיל ווי עס שטיקט מיר דער ביסן אין מויל.

ס׳קערט אום זיך דער ווייטיק פון פוס מיט דער ווונד.
וואָס פאַראַ מחותּן איז מיט מיר דער הונט?

דאָס שיסעלע סטאָיעט און פרירט אין מיין האַנט.
כ׳בין צוריק ביים וואָקזאַל פון דער שטאָט סאַמאַרקאַנד.

סאַמאַרקאַנד, פעברואַר, 1942.

# באלאדע פון פיר יידישע יונגען
# אין אוזבעקישער שענק

פיר יידישע יונגען פון פוילישן לאַנד
ביי גלעזער מיט ביר אין דער שטאָט סאַמאַרקאַנד.

אלס פוילישע זעלנער געפאַנגען געווען,
באַפרייטע זיי קומען אַצינד פונעם פלען.

נישט ווייט שוין צו ניי־יאָר. פארטראכט זענען זיי.
אין פוילן איז ווינטער — קעלטן און שניי.

מיט אייזערנע ריטער דער דייטש שמייסט דאָס לאַנד,
דער הונגער גייט אום דאָרט מיט קאָסע אין האַנט.

די טאַטעס, די מאַמעס, וואָס טוען זיי איצט?
ווי האַלטן זיי אויס פונעם גורל די שמיץ!

עס צייכנט דער פיינט זיינע בלוט-טריט אויף שניי,
ס'געשריי פונעם בלוט גרייכט אַהער אויך צו זיי.

ס'איז ס'לאַנד דאָרט פאַרקאָוועט אין קייטן, אין אייז,
נאָר דאָ — סאַראַ וווּנדער! ס'איז זומערדיק, הייס.

אין דער זוניק-אוזבעקישער שטאָט סאַמאַרקאַנד
געקליידט זענען מענער אין פאַרביק געוואַנד —

געשטרייפט און געבלימלט. די פרויען אין שלעפּ.
רויט-בלומיקע הויזן, טורבאַנען אויף קעפּ.

זיי גייען ווי שוועבנדיק, לייכטע אין טריט.
די עלטערע פרויען פאַרדעקן ס'געזיכט

מיט אַ שוואַרצער פאַראַנדזשע פון שטייפלעכן טול.
די זון שיינט אַזוי וואַרעמט אַזוי ווי אין יול,

און פאַרגייט אויך צו זיי דאָ אין ווינקל אַהער,
צו די יידישע יינגלעך, וואָס זיצן פאַרקלערט,

געפאַנגען אויפסניי פון דער בענקשאַפט, וואָס נאָגט...
דער שטורעם, וואָס האָט זיי געטון אַ פאַרטראָג

אין זילביער-געפריר פון סיבירער באַגין,
געזאָגט האָט זיי פראָסט: — איר זענט פריי, גאָספאָדין!

און פריי איז געוואָרן פאַר זיי יעדער וועג,
דער „פּראָפּוסק” געוועזן דאַן דאָס גאַנצע פאַרמעג.

איצט טרינקען זיי ביר אינעם ווייַנטרויבן־לאַנד,
אין דער שיינער אַזיאַטישער שטאָט סאַמאַרקאַנד.

די גאַס איז מיט זון און די שענק איז מיט זון,
זיי טראַכטן דערפון און זיי רעדן דערפון.

און אלץ ווערט זיי היימיש און אַלץ ווערט זיי נאָנט,
נאָר טיף־טיף פאַרבאָרגן א שטים אין זיי מאָנט...

ס'צעהילכט זיך דער ראַדיאָ, ס'רעדט מאָסקווע אַצינד,
פון פראָנטן יאָגט אָן ווי פון סטעפּ שאַרף דער ווינט.

די שענק ווערט פאַרגליווערט — געשפּאַנט און פאַרשטילט,
אָט גלייך ווי אין שיין פון די פראָנטן געהילט.

זיי דאַרפן דאָך אייגנטלעך, דאָרט איצט צו זיין
און העלפן דערשלאָגן דאָס היטליש געביין.

זיי פילן אַ שולד און פאַרשעמטקייט דערפאַר,
און ס'בענקט זיך זיי אויך שוין נאָך זעלנער־געשפּאַר

אין צוגן פאַרפולטע, וואָס אײַלן צום ראַנד...
דערך שלאַכטן צוריק זיך דערשלאָגן צום לאַנד...

דאָס שוימיקע ביר זיי צעוואַרעמט, צעצינדט.
זיי קוקן זיך אום און זיי זעען אַצינד,

די שענק איז מיט סלופּעס. ביי איטלעכן סלופּ
דריי בענקלעך, אַ טיש — אַ באַזונדערע שטוב.

די שענק — אַ פאַרפולטע מיט רויך און מיט רייד,
מיט לשונות־געמיש, וואָס מע שלונגט און מע קייט.

עס זיצן אוזבעקן — אַ פוס אויף אַ פוס
און קנאַקן געדולדיק אַ נוס נאָך אַ נוס.

און שרייאיק זיי רעדן פון מסחר און פרייז
פון דיניעס, פון ניס, פון קישמיש און פון רייז.

זיי רעדן פון קינדער אויף שלאַכטפעלד און אויך
פון דייטש וואָס מע מאַכט אים צו אַש און צו רויך.

ווי ר׳איז דאָס פון מאָסקווע געוואָרן אַ האָז,
בישט לאַנג און דאָס דייטשל וועט קייען דאָס גראָז.

די זון האָט פון גאָלד-געל געפאַרבט זיך אויף רויט
און באַלייכט אויף די טישן דאָס ביר און דאָס ברויט.

אַן אַלטער אַרמענער פון בלויען קאַווקאַז,
דערציילט פון די שלאַכטן ביי זיי אויף דער גאַס.

קירגיזן געקומענע גלייך פון וואָקזאַל
זיי זיצן צעלייגט ווי ב׳א היימישן זאַל.

ציגיינער אַ פּאָרל מיט רינגען פאַרשטעקט,
צוויי אַלטע קאַזאַכן מיט ליידיקע זעק.

אַן איינזאַמער באַרדיקער שלאַנקער טאַדזשיק.
ס׳האָט יעדער פון זיי דאָ — אַ חלק אין קריג.

ביי וועמען אַ ברודער, ביי וועמען אַ קינד,
איין גורל זיי אַלע פאַרקניפּט און פאַרבינדט.

די יונגע די פיר בלויז, ס׳באַשלאָגט זיי אַ היץ:
וואָס טוען זיי דאָ אינעם הינטערלאַנד איצט?...

דער פרעמדער פאַרנאַכט פאַלט דאָ צו אומגעריכט
און טונקלט זיי אָפּ דאָס פאַרברוינטע געזיכט.

דער אומעט פון קעמלען אין בלעכענעם קלאַנג
פון גלאָק אויפן האַלז אינעם לאַנגזאַמען גאַנג

פאַרקריכט אין דער זויערער אוזבעקישער שענק
און לייגט זיך צופוס, ווי אַ הונט ביי די בענק.

עס בראָט דער שאַשליק זיך אויף גליאיקן קויל,
דער ריח מאַכט אייליק די ציינער אין מויל,

עס זידט אויף די שפּיזלעך דאָס שעפּסענע פלייש,
מיט ציבעלע־פּריטשן פונויבן געריישט.

עס שוימען זיך זילבעריק קופלעס מיט ביר.
דער אָוונט שטייט שטום אין דער נידריקער טיר.

עס הענגען די נאַפטלאָמפּן רויטלעך צעברענט,
צעוואַרפן דאָס ליכט און די שאָטנס אויף ווענט.

עס זיצן צעפלאַמטע די פיר יונגע קעפּ,
ווי ס'וואָלט זיי אַ חלום פאַרשפּינט און פאַרוועבט.

נאָר נישט דאָ מיט זיי, מיט די מענטשן פון סטעפּ,
מיט דער רויטער אַרמיי, וואָס דערלאַנגט איצטער קלעפּ,

וואָס רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער, ווו ס'ליגט
דאָס לאַנד — זייער היים, זייער בענקשאַפט און גליק.

די שלאַכט גייט נישט ווייט פון דער גרענעץ פון לאַנד...
און ס'גיט זיי דער חלום אַ ביקס אין דער האַנט

און נעמט זיי און פירט זיי און ווייזט זיי דעם וועג,
דעם רומוועג פון פוילישן זעלנער, די טעג

פון דער שלאַכט, פון דער גרויסער, ווו ט'וועלן מיט איר
צוזאַמען אַ לויכט־טון די נעמען די פיר.

און ס'ווערט זיי, די יידישע יינגלעך, אַ שאָד
די שיינקייט, דער רעש און די פאַרביקע שטאָט,

און ס'ווערט זיי מיט איינמאָל ביז ווייטיק אויך קלאָר,
אַז דאָס נאָר די צווייטע זייט איז פון דער וואָר.

די אמתע וואָר איז דאָס שלאַכטפעלד און דאָרט,
דאָרט זענען זיי נויטיק, דאָרט איז זייער אָרט...

און איינער דעם צווייטן דערלאַנגט זיך די האַנט
גאַנצפרי צו פאַרלאָזן די שטאָט סאַמאַרקאַנד.

טאַמאַרקאַנד, דעצעמבער, 1941.

# אויפֿן ווייסן אײזעלע וויגט זיך דער אוזבעק

אויפֿן ווייסן אייזעלע
וויגט זיך דער אוזבעק.
בלאָע רויכן קרייזלען זיך,
ציען ווו אַוועק.

געלאָדן גייט דאָס אייזעלע,
פֿון ביידע זייטן — זעק.
עס וועקן זיך די הייזעלעך,
עס שטויבט זיך קוים דער וועג.

אָט איז די שטאָט די ליימענע
פֿאַרגליווערט ווי אין טרוים.
אָט איז אַ ריי מיט ביימעלעך,
ביי זייט אַ קרומער בוים,

אויף אָט דעם זעלבן אייזעלע
זיין יינגל רייטן פֿלעגט,
זיין יינגל ערגעץ ווייט איז ער —
אויפֿן פֿראָנט אַוועק.

האָט ער גענומען ס׳שטעקעלע
פֿון אַבדול, זיין זון
און אויף דעם זעלבן שטעגעלע,
וואָס איז פֿאַרפֿלייצט מיט זון,

ער פֿירט איצט אבריקאָסן, ניס
אין די געלע זעק.
מיט רויטער שיין באַגאָסן איז
דער בוים און דער אוזבעק.

א לילא טורבאַן אָנגעטון
מיט בלימלעך ראָז באַשיט.
גלייך און שטאָלץ ווי אויפן טראָן
אין זאָטעלע ער זיצט.

אין רויטער פאַרב אַ טאָג אַזאַ
אים האָט זיך איצט דערמאָנט.
אָט קומט זיין אַבדול כאַסאַן:
באַביי, *) כ׳גיי אויפן פראָנט.

שוועסטער־ברידער, גוטע פריינט
דעם וועג צום באַן באַגלייט,
ווי זיין חתונה אויף היינט
געווען וואָלט צוגעגרייט.

אַ קרענצל וויבער אָנגעקליידט
אין סאַמעט און אין פּלוש
און ער, אבדול, האָט זיך אַן רייד
מיט אַלעמען געקושט.

אבדול, אָט שטייט ער צווישן זיי:
— זייט געזונט — און לעבט.
אַ טרער אַ הייסע ווישן זיי
מיטן לאַנגן שלעפּ.

זיי טומלען אויף אוזבעקן־שפּראַך —
א זינגעוודיק, אי בייז:
— נישט בלויז דיין זון... אַוועק אַסך...
נו, אַלטער, זיי געטרייסט.

ברענגען וועט דיין זונדעלע
פונעם פראָנט דיר רום...
ס׳האָט דאַן מיט גאָלד דאַס ווגעלע
באַשאָטן דעם אַרום.

*) פאָטער, אַלטער.

די קליידער בונטיק-פֿאַרביקע
אין אַלטנס אויג צעבלענדט:
— מיר זענען מענטשן שטאַרביקע...
מיין זון, גיי, זיי געבענטשט.

דער וועג געלעגן איז אויך דאָ
אין גאָלדיק-געלן שטויב.
אָפּגעריסן אבדול כאסאַן,
ווי פֿונעם קוסט די טרויב.

די וועלט איז איינע אומעטום
אויף טרויער און אויף פֿרייד.
דאָס אייזעלע פֿאַראומערט שטום
אינעם שטעלכל שטייט.

געקומען און פֿאַרצערעוועט
און גרייט געמאַכט די זעק..
דאָס אייזעלע צערעוועט זיך
און קריכט אַראָפּ פֿון וועג.

מיט געזאַנג אַ רייטער-טייל
שניידט זיך דורך אַ וועג.
דאָס אייזעלע בלייבט שטיין אַ ווייל
פֿאַרלוירן ווי אין שרעק.

דער אוזבעק זוכט צווישן זיי
זיין זון אבדול כאסאַן.
אפשר איז אין אַט דער ריי
אויך זיין אבדול פֿאַראַן?

ער נעמט ארויס דאָס שקעטעלע,
שיט טאַבאַק אויף דער האַנט.
זיין זון שטייט אין אַ שטעטעלע
ווייט פֿון סאַמאַרקאַנד.

ער זעט פאַר זיך די בריוועלעך,
דריי קאַנטיקע, דעם זונס:
„פאַר די ווילּיק שטיוועלעך
נעמט צו אַ דאַנק פון אונז...

דיין זון איז דרייסט און שרעקט זיך נישט —
הייס בלוט פון אַן אוזבעק,
כל־זמן דאָס לעבן עקט זיך נישט
איז רייניקט מען דעם וועג.

דעם הונט, דעם פיינט, מיר טרייבן גיך,
מע גיט אים נישט קיין רו.
נאָך דער שלאַכט כ׳וועל שרייבן דיר,
דערווייל, באַבײ — אַ־הו־וו!“...

דער רויטאַרמייער־טייל איז ווייט.
דער אַלטער טוט אַ וווּנק,
פארלייגט דעם טאַבאַק טיילנווייז
טיף אונטערן צונג.

אויף זיך אַליין ער בייזערט זיך,
אין מאַרק ער איילט פאַרויס.
מיטן שטעקן ס׳אייזעלע
ער טוט אַ קלאַפּ, אַ שטויס.

דער טאָג אין גאָלד־שיין קרייזלט זיך
אויף יענעם הימל־ברעג.
אויפן ווייסן אייזעלע
וויגט זיך דער אוזבעק.

סאַמאַרקאַנד, 24 פעברואַר, 1942.

# אלמא־אטא אין נעפל

1

אַלמאַ־אַטאַ איז איינגעהילט אין גראָע פּערינעס
פון שווער־געדיכטן ווינטערדיקן נעפּל.
אַ בלינדער שטייפער אַלטיטשקער קאַזאַך אין שעפּסנפּעלץ
זיצט אין מאַרק מיט פיס פאַרלייגט אויף פרעפלט

אויף אומפאַרשטענדלעך טריפעכץ־לשון זינגענדיקס,
וואָס מ׳הערט ווען אין די בערג־וועגן געהיימע,
פון מענער, זין, וואָס וועלן זיך אומקערן הינקענדיק
פון פראָנט... און פון געלאָזטע אין די היימען.

אַ צווייטער וואַרפט געשיקט קאָלירטע שטיינדלעך גלאַטיקע,
אַ דריטער טרעפט די צוקונפט דורך קאָלירטע באָבעס...
ביים מאַרק־בופעט פאַרקויפן אינוואַלידן פּאַטיקע 1)
און זעקלעך רייז געבערענגטע פון אושטאָבע 2).

קאַזאַכינס ־ באָבעשיס דערלאַנגען הייסע קיגעלעך,
מיט הענט פאַרברוינטע קריכן זיי אין טעפּל.
וואָקוירטע שטילע פרויען טוישן שפּיגלעך
אויף אַלמאַטינער פלאַמענדיקע עפּל.

איך רייען שטייען אויסגעשטעלט די אייזל־וועגעלעך,
מיט פול־געפּאַקטע הינטנס צו די קונים.
מיט איינגעזייערטע אַרבוזן שמעקט, מיט נעגעלעך,
מיט „ווינעגרעד" 3), מיט ויין פון געלע פלוימען.

פון פאַרעדיקע טעפּ פאַרקויפט מען פּאָרציעס „בעשבאַרמאַק" 4).
כינעזער פרידן ביי די צעלניק־וועגלעך.
דער נעפּל קריכט פון בויד צו בויד, פאַרהילט, פאַרווישט דעם מאַרק
און אַלץ אַרום ווערט שטום און אומבאַוועגלעך.

2

פון שטום-געדיכטן נעפּל שפּאַנט אַ באַרג אַרויס —
אַ הויך און האָריק ווילד-באַוואַקסן קעמל.
ס'בלייבט שטיין — ווי ס'וואָלט געזוכט אַ וועג פון מאַרק אַרויס,
ווי ס'וואָלט זיך מיט דער אומגעלומפּערטקייט דאָ שעמען.

פאַרפּעסטיקט צווישןביידע האָרבן זיצט אַ סטעפּנפרוי,
צונויפגעגאָס פון קעמל און קאַזאַכין.
די שלעפּערלעך, וואָס לויפן אָן, פאַרייסן קעפּ אין הויך,
זיי גאַפן און באַוואונדערן און לאַכן.

דאָס קעמל מיט די געלע זעקל'עך לאָזט זיך שווער אַראָפּ,
ווי איינגעזונקען ס'וואָלט מיט איינמאָל ביז די קניען.
עס דאַכט זיך אויס, אָט ווי דאָס קעמל וואָלט אַהער אַראָפּ
פון יענער זייט געבערג, געקומען דאָ צו פליען.

פון קעמל פלאַנטערט פלינק זיך אויס די שלאַנקע סטעפּנפרוי
און מיט איר פאַרביקייט זי טיילט זיך אויס באַזונדער,
ווי עפּעס אומוואַרשיינלעכס אויפן פאָן פון נעפּלגרוי
און וואַקסט אין אויגן אויס — אַ טייל פון ווילדן וווּנדער.

פעכשוואַרצע האָר, דאָס פּנים פון צעקנייטשטן פאַרמעט און
די אויגן פון אַ סטעפּנפויגל — שאַרף-צעשראָקן.
עס פלאַמען גל אַרויס פון פאַלטן לילאַ-סאַמעטן,
ווי אויסגעוועלגערטע צוויי שטיקער זון — די זאָקן.

זי בינדט פונאַנד די פולע זעק מיט אויבסט געטרוקנטן —
די פרישן גאָלדענע אַפּאָרטן-עפּל.
ס'געלייזטע געלט אין זאַק זי האַלט אין איין פאַרוקן טיף
און ס'קעמל שווימט אַוועק פאַרמישט אין נעפּל.

אַלמאַ-אַטאַ, 1942.

---

1) שוים פון געקאָכטע צוקער-בוראַקעס. 2) רייז-געגנט אין אַלמאַטינער קאַנט. 3) איינגעזייערטע שאַר-ירקות. 4) קאַזאַכיש-נאַציאָנאַל מאכל, מין טשאָלנט פון רייז מיט שעפּסנפלייש.

# צוועלף עפּלביימער

צוועלף עפּלביימער בליען אין מיין הויף,
דריי פלוימענביימער וואַכן פאַר מיין טיר,
און יעדער איינער טאָג נאָר, וואָס אַנטלויפט
פון מיר, מיר דאַכט, ווער ווייס, וואָס איך פאַרליר.

ס'ליגט אויסגעפּורעמט ס'שטיקל ערד – מיין טייל,
ווי אייביק שוין צו זיין מיט מיר פאַרקנסט.
איך בין דאָך דאָ אַ גאַסט בלויז אויף דער וויל
און צופיל כבוד איז עס פאַר אַ גאַסט.

די פּיעטרושקע ליגט אויסגעגראָבן פריש.
די ערד איצט אָטעמט מיט דער פולער ברוסט.
כ'ווייס: ערגעץ גייט פאַר מיר שוין לאַנג אַ בריוו,
כ'דערפיל דעם הייסן אָטעם פון זיין גרוס.

ס'איז נישט צום איבערטראָגן מער די רו:
זי הענגט אויף האַלז — אַ שטיין, וואָס ציט אַראָפּ נ'אַ תהום.
איך פיבער כ'הער אַ קול פאַרצווייפלט רופט
נאָך הילף און כ'ווער פאַרטראָגן פונעם שטראָם...

דאָס יונגגראָז שטעלט די ערשטע גרינע טריט.
די דורכזיכטיקע צאַרטקייט גלעט מיין בליק.
איך וויל נישט מער פאַרוויגן מיין געמיט,
איך וויל שוין מער נישט וויסן וואָס ס'איז גליק.

אַלמאַ-אַטאַ, 1944.

# ס'איז דיין שיינקייט מיר דערווידער

דער הימל-ליזונט איז אַרומגעצוימט
מיט אַ זוניק-גאָלדן שלעקל.
דאָס ווייסע הייזל וויגט זיך אום פאַרשוימט
אינעם גרינס-ים ווי אַ זעגל.

אין זילבער-נעפּל בלענדיקן פאַרוועבט
טונקלען אָפּ די בערג פּיאַלעטע.
ווי פייגעלעך צעשראָקן אינעם שוועב
טראָגט דער ווינט פון בוים די בלעטער.

אַ וואָלקן-שיף שווימט שטאָלץ אַריין מיט רעש
אינעם האַפן פון די שניי-בערג.
זיין שאָטן ציט זיך אויס אויף לענג פון גאַס,
שרעקט און נעמט די הינער טרייבן.

פון וואָלקן-שיף שטייגט אויס אַ לופט-דעסאַנט.
בלאַנק און שאַרף בליצט-אויף אַ מעסער.
היי, זון! שטעל-אויס די שטראַלן — גרייט צום קאַמף!
ס'מעסער ווערט אַלץ לענגער, גרעסער...

אַ פּאָד, אַ סווישטש — אַן אויפבליץ אין דער לופט
און די זון פאַלט שטום — געקוילעט.
דער אָפּגעהאַקטער זון-קאָפּ ליגט אין בלוט
פון די בערג אַראָפּגעקוילערט.

צי איז דאָס נישט דאָס זעלבע מעסער, וואָס
האָט געשאָכטן מיינע ברידער?
מיט אבל-טריט די אונטער-בערג כ'פאַרלאָז —
ס'איז דיין שיינקייט מיר דערווידער.

אַלמאַ-אַטאַ, 1943.

# באַלאַדע פֿון העלד וואָס געזעגנט זיך
# מיט זיין ווייב פֿאַרן גיין אויפֿן פראָנט

אינעם פרעמדן לאַנד,
איך וויטן און פאַרשנייטן
מיין ווייב מיט קינד ביים האַנט
וועט באַלד מיט מיר זיך שיידן.

שטיי איך אויפֿן פעלד,
דאָס פעקל אויף דער פלייצע.
— וואָס דאַרף מען אים, דעם העלד?
שרייט מיין ווייב אַלץ, שרייט זי.

די בריק וואָס פירט אויף צריק
איך האָב אַליין צעריסן.
ווו ס׳ליגט דער וועג צום גליק
איך וויל אַצינד נישט וויסן.

ס׳קאָן זיין, ס׳זאָל מיין געביין
נאָך זיין ווי זאַמד צעריבן.
דעם שווערן וועג פֿון פיין
אַליין כ׳האָב אויסגעקליבן.

די שרעק איך יאָג און טרייב
אַרויס פֿון דער באַלאַדע.
נאָר ס׳פילט זי שוין מיין ווייב
און מיין קינד — אַוודאי.

— ווי וועסטו קאָנען, זאָג,
אין שלאָכט אַריין זיך לאָזן?
מיר דאַכט זיך, כ'הער ווי ס'קלאָגט
דיין לעבן צווישן גראָזן.

דיין מאַמע האָט געהילט
דיך אין אַ זיידן העמדל.
ביסט שטענדיק צוגעקילט
ווי דיין פעטער מענדל.

און אויפן פראָנט מע דאַרף
אויף גיך אַקאָפּעס גראָבן
און אַ געהער אַ שאַרפס
ווי דאָס געווער מ'מוז האָבן...

מע דאַרף דאָך ליגן אַכט
ביים אויספילן באַפעלן
און דו — נישט דרייסט, פאַרטראַכט,
דיך שרעקן פרעמדע שוועלן...

זאָגט אַזוי מיין ווייב
און ס'קינד הייבט אָן צו וויינען.
אַ פראָסט נעמט דורך מיין לייב,
עסט איין זיך אין די ביינער.

די אויגן לייכט כ'פאַרהויב,
די צונג איז ווי געבונדן.
עס רויטלט זיך אַ שויב
פון מערב־פלאַם צעצונדן.

מײַן פּנים גלעט דער ווינט
און ווישט אַראָפּ דעם וואַנזין:
— פאַרנעם זיך מיטן קינד
און רויק זײַ אײַנגאַנצן... — — —

— — — — — — — — —

אַט כ׳לויף מיט ביקס־באַגנעט,
מײַן פערד יאָגט ווילד, צעלאָזן.
איך פיל שוין ווי כ׳באַטרעט
די ערד, וואָס כ׳האָב פאַרלאָזן...

אויב כ׳וועל נישט קומען מער
צוריק צו דיר, צו קײנעם,
געפאַלן כ׳בין ווי ס׳קער
מיט אַ טויט אַ שײנעם.

כ׳נעם מיט דאָס ליד מיט זיך,
איך לאָז עס דיר נישט איבער,
אַז אַ העלד בין איך
געווען און דרייסט — אַ גיבור,

מע זאָל עס וועגן מיר
אַט אַזוי־אַ מײנען
און אויבעט צוליב דיר,
אַז דו — דו זאָלסט נישט וויינען.

אַלמאַ־אַטאַ, אַפּריל, 1943.

# פון מיטל־אזיע ביז קרוינפוילן – מיין היים

ווער ס׳קאָן פאַרשטיין די שפּראַך פון ענדלאָז־ווייסן סטעפּ
אין שטומען ווינטערדיקן שנייענקלעם פאַרפרעסט —
דער וועט פאַרשטיין דעם טיפן ווייטיק־צער, וואָס שלעפּט
ביינאַכט מיין האַרץ אין חלום צו מיין אַלטער נעסט.

פון מיטל־אַזיע ביז קרוינפוילן — מיין היים
ס׳קאָן זיין ס׳זאָל פירן מיך צוריק דער זעלבער וועג.
פון ברודער־קבר וועלן אויפשטייל אלע גרוילן און ס׳געוויין
און יעדער שטיין דערציילן וועט פון בלוטיקן געשלעג.

געהאַפט, מיט ביקס אין האנט — דעם רום־צייכן פון זיג —
מיט שלאכטן דורכצוגיין דאָס לאנד און דורכצוגיין דעם קריג.
אויב ס׳שטייט נאָך גאנץ די שטוב—דאַרף שטיין נאָך אויך מיין וויג
און ס׳דאַרף אויך זיין די מאַמע־האַנט, וואָס האָט מיך איינגעוויגט.

און אויב די דייטשע מערדער זאָלן האָבן גראָד
געמיטן על־פּי־נס מיין שטוב אין גאנג נאָך רויב —
דאַרף שטיין אין ווינקל דער פאַרשלאָסענער קאָמאָד
און איבער אים דער באָבעס בילד — די הארציק־גוטע טויב.

איך ווייס, אַז ניט געבליבן איז צומאָל דער בוים,
דער אַלטער אויסגעקרומטער קאַשטאַנבוים, וואָס האָט געדאַרט
אין שטילן הויף הינטערן פענצטער. ס׳האָט מיין טרוים
אויף אים זיך אויפגעהאָנגען אין דער שחיטה־נאַכט.

ס׳וועט ליגן גרויליק־אויפגעריסן יעדער ברוק,
ווו ס׳האָבן קינדערש דאָ געפּלאַפּלט מיינע טריט.
איך הער דעם סווישטש-געוואָי פון היטלערישער רוט,
וואָס האָט געהוליעט הפקר איבער יעדן ייד.

כ׳וועל טרעפן מיינע ברידער ביים געווער פאַרשטייפט,
פאַרקראַמפּט ביים קוילנוואַרפער — ס׳איינציקע פאַרמעג.
די מאמע אינעם שיינעם יום-טובדיקן קלייד,
וואָס ז׳האָט געטראָגן אין די לעצטע אויפשטאַנד-טעג.

דאָס יונגסטע קינד — דאָס כלה-מיידל — אין דער שויס.
כ׳וועל אויף איר טויטן האַלז דערקענען ס׳שנירל קרעלן.
די פרעכע שילד וועט נאָך אַראָפּכאָרכלען פון הויז:
„ס׳איז אָפּגעווישט די וואַרשאַוער־געטאָ — לויט באַפעל״.

כ׳וועל זוכן, נאָכשפּירן די מערדערישע טריט,
כ׳וועל גיין פאָרויס אַן אומגעשטילטער איבער שטיין און ביין.
ס׳וועט זיך נישט לאָזן אָפּוואַשן דאָס אומשולדיקע בלוט,
כל־זמן ס׳וועט קלאַפּן נאָך אַן אָדער ביי דעם פיינט.

פּעטראָ-פּאַוולאָווסקער באַרקעס, 1944.

# באַלאַדע פון דריי רויטאַרמייער, דעם שטאַב-דייטש און זיין סוף

ס׳איז ווינטערנאַכט, שניישטורעם. חושך און וויונע.
סאָוויעטישע ערד. אויפן שלאַכט-פעלד — הרוגים.

ס׳געשפּענסט פונעם האַקנקרייץ שפּרייט זיך אויף ה׳עגן
און יעדער שפּאַן ערד איז — סאָוויעטיש פאַרמעגן.

אומענדלעכער טרויער... „הייל־היטלער״-געהוילן..
דאָס שטאַבהייזל, ס׳דייטשע — מאַסקירט און פאַרהוילן.

דריי רויטע ארמייער, זיי שטייען געפאַנגען
אַנטקעגן אַ דייטש פון אַ העכערער ראַנגע.

אַנטקעגן אַ כאַפּטע פון דייטשן-באַנדיטן —
דריי רויטע ארמייער אין קייטן געשמידטע.

דער שונא איז זייטיק ביינאַכט זיי באַפאַלן.
ווי ס׳טרעפט זיך טיילמאָל ביי אַזעלכענע פאַלן –

אַ כאַפּ צום געווער און אַ כאַפּ צו דער קאַרבע...
דער שונא איז אָבער באַפאַלן זיין קרבן,

אַזוי ווי אַ טיגער נאָך פינצטערן לויער.
דער שווערער געראַנגל האָט לאַנג נישט געדויערט.

די דריי רויטאַרמייער מיט פייער געשניטן
זיי האָבן דעם צוויי צענדליק דייטשע באַנדיטן.

פון רעכטס און פון לינקס און פון פאָרנט עס שפּאַרן
די דייטשן, אַלץ נענטער זיי קריכן און שאַרן

זיך... פויזען און פאַלן און פויזען אַלץ ווייטער...
ס׳טוט איין רויטאַרמייער אַ האַסטיקן שליידער

א פייער-גראַנאַט אינעם דייטשן געזעמל.
א הויב און אַ פאַל און: — חברים, מיר זעמיר...

ער זאָגט נישט, דערזאָגט נישט... דער חבר דער צווייטער,
ער צייכנט אין לופטן אַ האַלב-קרייז — אַ שליידער...

געשווינדל פון דייטשישע זעלנערשע קליידער,
געשווינדל פון ברודיקע מאָרדעס פארשייטע...

און ווידער אַן אָפּהילך פון ערד און פון פייער,
פון גופים, וואָס פאַלן פארמישט מיט געשרייען...

דער לעצטער גראַנאַט טוט אַ פלי און אַט פאַלט ער...
איצט איז זיי געבליבן ס'געווער בלויז, דאָס קאַלטע

צו לאָזן אין גאַנג אויפן צענדליק דיים לעצטן,
וואָס כריפּעט צעיושעט, וואָס זידלט און לעסטערט

אי זיך, אי דעם טויט, אי דאָס זעלנערשע לעבן,
אי זיי דאָ, וואָס ווילן זיך נישט אונטערגעבן.

די לאַנגע, די שטאָלענע רוסישע שטיקעס —
דער לעצטער דער שטענדיקער ענד-וועג צום זיג איז.

— היי, ברידערלעך מיינע, זייט שטאַרק און האַלט אויסעט:
אַרום און אַרום ליגן דייטשן און גוססען

נאָר פלוצים פון הינטן צו זיי מ'איז פארקראָכן, —
און דאָן ערשט דעם ווידערשטאַנד זייערן געבראָכן.

איצט שטייען די דריי רויטאַרמייער געפאַנגען
אַנטקעגן דעם דייטש פון אַ העכערער ראַנגע.

אַנטקעגן די שטאַבלייט די דייטשע באַנדיטן —
דריי רויטע ארמייער אין קייטן געשמידטע.

סאָוויעטישע זין דריי — געצוימטע דריי לייבן.
ווער האָט זיך געראָכטן עס? ווער וועט עס גלייבן?

אינדרויסן איז ווינטער-נאַכט, שניי-זאַוויערוכע.
—איז, הייסט עס, שוין אויסגעפּילט ס׳גאַנצע שליחות?

און מאַמעס, וואָס קאָנען זיי איצטער פאַרלאַנגען
פון קינדער, וואָס זענען ביים שונא געפאַנגען.

זיי שטרעקן די הענט אין די ווייטן און הייכן,
די מאַמע-הענט זאָלן די קינדער דערגרייכן.

נאָר איצט איינעם חושך און שטורעם מע האָט אים
דעם איינציקן וועג צו די קינדער פאַרשאָטן.

דער שטאַבדייטש איז גרין און איז געל — ר׳איז דערצאָרנט.
— קוים וועט איר נישט געבן קיין ענטפער קיין קלאָרן, —

איך ווינטש זיך צומאָל נישט צו זיין אייער שאָטן, —
כ׳וועל הייסן אייך ברענען, אייך לעבעדיק בראָטן!...

איז זאָגט זשע מיט גוטן... איר זענט דאָך נישט שולדיק —
ווערט ווייכער דאָס שטאַב-קול און גליטשיק-געדולדיק —

ס׳אַ ביסעלע פריקרע, ס׳הייסט, טאַקע פאַרדראָסיק.
נאָר מ׳האָט אייך געהייסן איז — האָט איר געשאָסן.

דערויף זענען זעלנער דאָך אויף אַ מלחמה...
נאָר איר, איר קאָנט ראַטעווען אייער נשמה —

ציט ווייטער דער שטאַבדייטש זיין לאַנגווײַלע דרשה —
איז וואָס איז עס פאַר אַ געווער די „קאַטיושע”,

וואָס רעגנט אַן אויפהער מיט פייער — אַ מבול —
די אונטערשטע ליפּ ביי דעם דייטש טוט אַ צאַפּל,

ער שרויפט אין זי איין זיינע אויגן די גרינע —
און וויפל באַשטייט זי, די מאַנשאַפט — באַדינער?...

אַ ווײַלע אַ שטילשוויגן נישט צום באַגרייפן,
עס קלאַפּן די שלייפן ווי פערד-טלאַ-געלייפן.

— נו, ענטפערט, צום טייפל! — דערהערט זיך א ריטשע —
וואס גיכער — אלץ ווינציקער וועט איר זיך מוטשען.

עס שווייגן די דריי רויטארמייער פארביסן.
— איר קאנט זיך פון אונז בלויז איין זאך נאר דערוויסן —

רופט איינער זיך אן מיט א שמייכל א קרומען —
א קבר איז גרייט פאר דער „ארישער" אומה.

— און נאך א זאך קאנט איר פון אונז ארויסקריגן,
אז דא וועלן אייערע ביינדעלעך ליגן —

מיט אויגן וואס קאנען ביז טויט — טיף פאראכטן,
וויזט אן אויף דער ערד דא דער אנדערער שלאכטמאן,

אויף וועלכער עס שטייען די דריי רויטארמייער
און פילן ביינאנד זי — א לייבלעך געטרייע —

און ווסיא — דאס איז אלץ, וואס איר קאנט פון אונז הערן.. —
דער דייטש טוט א וויש זיך דעם שווייס פונעם שטערן:

— פארדאמט!... באלשעוויקעס... פארשאלטענע זרע!...
ביי מיר וועט איר רעדן... אט באלד וועט מען הערן!

אט באלד וועט איר וויסן וואס ס'הייסט אזוינס שווייגן!
אט באלד וועל איך הייסן א פייער צעלייגן!

א שייטער! א שייטער! א שייטער גלייך מאכן!...
העי, וואך-לייט!.. די וואך וו?... וו? זענען די וואך-הינט?

די טיר האט געטון זיך א האסטיקן פראל-אויף
די שניי-נאכט א בליענד האט געטון ווי א חלף.

צי האט עס דער שטורעם די טיר אויפגעריסן?
און שפיציקע שטאב-אויגן שטעכן ווי שפיזן.

דער שטאבדייטש שפרינגט-אויף און נאך אים — אלע דייטשן,
וואס האבן זיך צו עקזעקוציע געגרייט שוין

און פייערלעך־פריילעך באַטראַכט מיט מבינות
די דריי רויטאַרמייער פון סטאַלינס מדינה.

אַ בלענד און אַ פלאַטער פון ווייסע כאַלאַטן
מיט דייטשיש־טראָפּעישע האַנט־אויטאָמאַטן.

דער שטורעם אַליין אין זיין נאַכטווייסן אויסזען
אריין איז אַהער פון פארפרוירענעם דרויסן.

נאָך איידער דער דייטש קראַמפּט זיך האַנט אין פיסטויל אַיין
פאלט איבער זיין קאָפּ ראַש אַ האָגל פון קוילן.

דער שטאַב־דייטש טוט האַסטיק אַ פאַל הינטערווייַלעכן,
און ס'לאָזט זיך זיין גוף אַראָפּ שווער — אַ נבלה.

די אַנדערע דייטשן די הענט הויך פאַרייסן
מיט „היטלער קאַפּוט" און „פאַרשפּילט ביסטו, פריִיס".

וואָלט עמעץ גערעכטן זיך? וואָלט מען עס גלייבן?
סאָוויעטישע יונגען — צוריק ווי די לייבן.

געטון איז שוין אַלץ, וואָס מע האָט נאָר געקענט טון.
פארכאַפּט שוין די נייטיקע שטאַב־דאָקומענטן.

זיי לאָזן אַ צעטל: „מיר וועלן נאָך קומען —
די ווייסע כאַלאַטן — די האַנט פון נקמה".

זיי הערן אין חושך „הייל־היטלער"־געהוילן
און ציען צוריק זיך און הערן פאַרהוילן.

ס'ווערט שטאַרקער די וויוגע, די שניי־זאַווערוכע.
דער טייל טראָגט זיך פאַרויס ווי לייבן, ווי רוחות,

אויף ערדן אויף אייגענע איבער הרוגים
דורך ווינטערנאַכט, שניישטורעם, חושך און וויוגע.

אַלמאַ־אַטאַ, 1944—45

# באַלאַדע פון דייטשל אין רויטן פאַרנאַכט

אין רויטן פאַרנאַכט האָט נישט קיינער דערקענט
די מויערן, גאַסן, די שטאָטישע ווענט.

אַ ריח פון שוועבל, פון טויט-גאַז — ציקלאָן.
די שטאָט האַלט די זון, ווי אַ קינד אַ באַלאָן.

אַ נאַקעטער קוימען, אַ האַלבער סופיט,
גאַנץ איז געבליבן דער לאָמפּ אינדערמיט.

עס פּרעלפּט פאַרלוירן אַן אַלטער בעל-מום.
אַ קלונג פון אַ קלויסטער-גלאָק פאַלט און פאַרשטומט.

די שטאָט איז פאַרדרענגט און זי רוקט זיך צונויף
די היטלער-אַרמיי איז צעקלאַפּט און אַנטלויפט.

מיט איר יאָגט דאָס דייטשל מיט פיבער אין בליק.
די גאַסן צעפלאַנטערט, צעריסן דער ברוק.

פאַרבלוטיקטער וועג פון אַ בלוטיקן שניט:
ס׳אַנטלויפט די ארמיי און דאָס דייטשל אין מיט.

די בהלה קריגט פליגל און פלאַטערט זיי נאָך
און פּאַכעט אנטקעגן — אַ פינצטער געפּאָך.

דאָס דייטשל, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך דער ערד —
באַרויבן, באַצווינגען, פאַרכאַפּן וואָס מער —

דאָס דייטשל איילט גיכער אַרויס פונעם כרך,
דאָס דייטשל טרייבט גיכער דאָס פערד אין דער נאַכט.

די נאַכט איז דאָרט ווייט און די שטאָט ציט זיך אויס.
אַ גאַס אין אַ גאַס קריכט אַריין און ארויס.

אַ פור אין אַ פור — אַ פאַרפּלאָנטעטע קייט,
און ס'היפּצט נאָך דייטשן ווי קראָען ביים זייט.

אַ בליק אויף צוריקוועגס, אַ הויב און אַ בויג,
עס שפּרינגען שוין שטערן דעם דייטשל אין אויג.

אים דאַכט זיך, אַט ברעכט זיך דער ברוק אין ווי אייז.
אַן אויסשפּיר אַ רויטער אין שטאָט זיך באַווייזט

און יאָגט אים אריבער דעם זיכערן וועג, —
די זאָטע, די פּעטע, די בלוטיקע טעג.

דער רינג איז פאַרשלאָסן, דער רינג איז פאַרמאַכט.
פינף-פלאַמיקער שטערן — אַ ליכטיקע וואך.

אַ ליכטיקע וואך ארום שטאָט אין אַ רינג:
— עך, הארעלע, דייטשעלע, טו נאָר אַ שפּרונג

אַראָפּ פונעם וואָגן... די ארבל פאַרשאַרצט!...
דאָס דייטשישע פּנים ווערט שרומפּיק און שוואַרץ...

די לייצע פאַרקראַמפּט און דאָס בייטשל פאַרדריקט,
„אַט דאָרט נאָך אַ ביסל... אַט דאָרט איז די בריק"...

— וווהין, וווּ אַנטלויפט איר? — דער וועג איז פאַרמאַכט,
עס האָט אייך אריבערגעיאָגט שוין די וואך.

נו, דייטשעלעך-מערדער! נו, דייטשעלעך-הינט!
עס וואַרטן די לאַפּאַטעס, גיכער, געשווינד!

מע דאַרף איצט פאַריכטן דעם וועג, וואָס איר האָט
צעהרובט פאַר אייער פאַרלאָזן די שטאָט.

עס דאַרף אויף דעם וועג איצט מאַרשירן פאַרביי
אונזערע זעלנער — די פרייהייט-אַרמיי...

און ס'בייגט זיך דאָס דייטשל ארויף און אראָפּ,
אים דאַכט זיך, דער שטיין, וואָס ער האַלט, איז זיין קאָפּ...

די קאַלטקייט, די קלעפּיקע פייכטקייט פון דר'ערד
ער פילט אויף זיין פּנים... אים דאַכט זיך, ער הערט

דאָס רוישן פון ווייטן א טאַנק-עשעלאָן...
די זון האָט געפּלאַצט ווי אַ קינדער-באַלאָן,

אים דאַכט זיך, ער פלאַסטערט — נישט שטיינער, נאָר קעפּ...
אָט באַלד וועט די רעדער-קייט טון אים אַ שלעפּ...

אָט באַלד וועט ער ווערן צעקוועטשט אין געשטויס — — —
דורך טירן און טויערן די פרייַ איז ארויס.

ס'האָט אויפגעפלאַמט פּלוצים א בלוטרויטע פאָן
און סטאַלינס פּאָרטרעט טראָגט די גאַס אויבנאָן.

דער חלום דער ווייטער געוואָרן איז וואָר.
עס טראָגט זיך געזאַנג פון אַ מעכטיקן כאָר...

די שטאָט איז צעיובלט, די גאַס איז צעשפּילט
און ס'זינגט מיט די פאָן און עס זינגט מיט דאָס בילד...

און ס'הייבט זיך און פלאַטערט דער פאָן-טראַנספּאַרענט
אין רויטן פאַרנאַכט איבער שטאָטישע ווענט.

אַלמאַ-אַטאַ, 1945.

# בלוט פאר בלוט

די היים, וואָס כ׳האָב פאַרלאָזט.
איז וויסט איצט. ס׳וואַקסט דאָרט גראָז
אויף חורבות אומגעשטערט.
געבליבן איז די ערד
פאַרשעמט — פאַרדאַרט, פאַרשטיינט,
פאַרמדברט דורכן פיינט.
געחתמעט ליגט מיין לאַנד
מיט בלוט פון ראַנד ביז ראַנד.

דער שווערער קייטנקלאַנג,
וואָס שיט זיך לאַנג און באַנג,
אין חלום מיך באַגלייט.
די היטלער־בעסטיע גייט
אַרום נאָך אומבאַשטראָפט.
איז ווי קאָן זיין מיין שלאָף

אָן אומהיימלעך געשריי,
אָן שדים־טאַנץ־געדריי
פון שייטער־פלאַמען, — גוף
אויף גוף, — וואָס האַלט זיך אויף
מעת-לעתן-לאַנג געהיים
אין מיין פאַרשענדטער היים...
איך מיר פאַרבאַרגן טיף
אַ באַנגער ניגון טריפט

זיין בלוט אריין ווי גאל.
אַז אָפּהאלט ערגעץ כ׳פאל...
נישט קומען וועל איך צו
קיין ברעג. ס׳וועט פון קיין רו
נישט וויסן מיין געמיט.
ס׳איז אויסגעלאָשן, מיד,
צוגלייך מיט לעצטן פונק
פון בלייכער האָפענונג.
דאָס האַרץ — אַן אָפּגענאַרטס.
מייך היים פארקוילט איז, שווארץ
און אָפּגעמעקט פון דר׳ערד.
כ׳זע אלץ ארום מיר ווערט
פון בליק מיינעם פארקילט,
פארגליווערט, שטאַר און וויל
נישט זיין מער דאָס וואָס ס׳איז.
ס׳ווערט אַלץ זיך זעלבסט פאַרמיאוסט.
דער סאָסנע-בוים דאַרט־אייך
און ווערט פארשרומפן, קלייך.
דער טייך פאַרהאלט זיין לויף.
עס קאָרטשען זיך צונויף
אין נעפל — גראָ, געדיכט —
די בערג, וואָס רינגלען מיך
ארום, ווי בלינדע שאָף.
איך זוך די אויסלייז-שעה!
אַ הוילער אין איין העמד
פארוואָרפן אין דער פרעמד,
כ׳האַלט אַז זיך אַז דער וועלט
מיט צייך און נעגל... כ׳וועל
דערוואַרטן זיך אויף טאָג!
איך הער ס׳געקלאַנג פון גלאָק
אין אומרו-רעש צעוויגט, —
ס׳צעפלאַמט געקלאַנג פון זיג, — —

און אלץ אין מיר שרייט-אויף,
ס'צעקאָכטע בלוט מיינס רופט:
— דערהאַלט זיך... מוזסט זיין
אויף חורבות פון דיין היים!
באַטרעטן מוז דיין פוס
די קברות־ערד, דאָס גרוז,
דאָס ברוכווארג, ציגל, ליים,
אַ יעדן קאַלטן שטיין.
ס'געדעכעניש פון דעם,
וואָס איז אין געטאָ-קלעם
געפאַלן, שלאָגנדיק
פון יעדן שפאַלט און ליק
דעם היטלער-דייטש — דעם פיינט:
זאָל אויפלעבן אין דיין
געביין אַט יענער פלאַם,
מיט וועלכן ס'איז דיין שטאַם
מיט אויגן אָפן, קלאָר
געגאַנגען אויף דער וואָר
צו דער עקידה — טויט
אין שיין פון מאַרגנרויט —
צום תליה-בוים, צום שטריק,
צום שיספלאַץ, צום דערשטיק,
צום שייטער און צום טייך —
פון עמוד-אש באַלייכט.
אַט דאָס געדעכעניש
זאָל קיינמאָל, קיינמאָל נישט,
ביז לעצטן אָטעם דיין,
פארלאָשן ווערן, שטיין
זאָל פאַר די אויגן דיר
די פּיין ביז זינפארליר,
די פּיין פון יעדן ייד
צעשריגן און צעגליט.

* * *

דער טרויער איז איצט גרויס
און לאָזט זיך גאַרנישט אויס
און ווי דער ווינט אין סטעפּ
ער מאַטערט מיך און שלעפּט
און טרייבט מיך פאַר די האָר
אַרײַן אין יענער וואָר
פון אומגליקן און שרעק,
פון היטלערישע העק,
פון תליהשן געשפּענסט.
דו ווערסט זיך און דו קענסט
זיך נישט באַפרייען פון
דעם טרויער וואָס אַרום,
דעם טרויער וואָס אין דיר.
עס קילט דאָס בלוט און פרירט
ביז שפּיצן פינגער. זעסט
זיך גאָר אין קרייז פון געסט,
פון היימיש־נאָענטע לייט
אין אָבל־זעק געקליידט,
באַשיט מיט גראָען אַש,
מיט טומל־רייד און רעש.
איך בין מיט זיי אָט דאָ
און כ'בין אויך דאָ נישטאָ.
נאָר דאָך בין איך אויך איצט
ווי אַלע דאָ דערשוויצט.
איך אַנגסטן און אין שווייס
איך פיל אויך און איך ווייס,
אַז עמעץ זעגט און פּיילט
און האַקט דעם יידן־זייל

און ס'קאָן זיך אָט-אָ באַלד
אַ וואַקל-טון, אַ פאַל
דער גאַנצער יידן־שטאַם...
און פלוצים זאָגט ווער: — עם
ישראל חי!... און ס'ווערט
ווי עפּעס גרינג די ערד,
זעט אויס, ס'איז נאָכנישט שפּעט.
פאַראַן אַזוינס, וואָס וועט
אַ שטעל-טון אויף די פיס
דאָס שמשון-פאָלק, וואָס איז
אין געטאָ-שטריק געפענט, —
אַז ס'זאָל אין שנאה-ברען,
צעפלאַמט פון ראַנד ביז ראַנד,
אַ ציטער-טון באַנאַנד
דאָס היטלערשע געשפענסט.
און טאַקע באַלד די ווענט
צערוקן זיך... ס'וואַקסט אויס
גאָר אומגעווייגלעך גרויס
דער פעטער הארש אויף שוועל
מיט געטאָ־לאַטע געל —
אַ פלייש-רויע וווּנד —
פאַרקוקט ר'איז ערגעץ-ווו
און גלייך ס'וואָלט אים אַ פראָסט
פאַרווייסט — ס'איז זיידיש-גראָ
געוואָרן גלייך זיין באָרד.
און ס'פאַלט זיין יעדער וואָרט,
ווי פייערדיקע שלענג,
אומפשרותדיק און שטרענג.
ער דונערט אויף אַ קול,
ווי יונגערהייט אַמאָל
אויף זיינס אַן אייגן קינד:
— געננג שוין ביז אַצינד

אַלץ אויסגעפּילט, געפּאָלגט...
ער מיינט דאָך ס׳גאַנצע פאָלק!
אַ סוף, זאָג איך און אויס!
מע גיט נישט מער ארויס
קיין יידן, און א סוף!
נישטאָ קיין שחיטה-שאָף!
בלויז אויפשטענדלער פאַראָן!
(ער טוט פאַרויס אַ שפּאַן)
פון אַט-אָ דער מינוט
מיר צאָלן — בלוט פאַר בלוט!... — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

איך זע, די שטוב איז פול
מיט יידן ווי אין שול
יום־כּיפּור... נאָר דער רעש
איז ווי אויף שמחות ס׳פּאַסט.
גלייך ס׳וואָלט פון איצטער אָן
אויף שטענדיק אָפּגעטון
פון זיי זיך די געפאַר
און אין געשטופּ, געשפּאַר
פון צווישן יעולם ווער
טיילט יעדן איין געווער.
און ווי פון ווינט פאַרווייט
די ברידער מיינע צוויי,
כ׳זע, לייב און פייוול גלייך
ווי אויף אַ מאָלצייט רייך
מיט פייערלעכן גאַנג
זיך פאַרעז אָן אַ קלאַנג.
זיי לויפן איילִיק, גיך
פון שטוב צוריק אין קיך
און ס׳וואַקסט אין ווינקל אויף
שווער-לייביק — גוף אויף גוף —

די קעסטלעך דינאַמיט.
די פּנימער צעבליט
ראָז... פון דער שווערער מי
זיי ווערן גאָרנישט מיד.
עס רינט פון זיי דער שווייס
און ס'איז זיי גאָרנישט הייס.
עס גרייכט שוין צום סופית
ארויף דער פּיראַמיד.

דער פעטער האַרצקע איז
אין טלית און דער שפּיז
אויף ביקס ביים זייט שפּאַרט הויך
איבער זיין קאָפּ און לויכט.
אברהמטשעס פינגער רופט
צו כאַסקלען צו זיך, פּרווט
דעם שלאָס פון אויטאָמאַט,
וואָס האָט זיך אים פארהאַקט.
די מומע לייטשע גלעט
דאָס שטאָל פון אַ באַגנעט.
און יאַנקל, טאַבטשעס מאַן
שטעלט אויף אין פענצטער-ראָם
אַ קוילנוואַרפער. קאַלט
און שטרענג באַהערשט ער האַלט
די קינדער זיינע צוויי
דאָ לעבן זיך. זיין ווייב
דערלאַנגט אים אַלץ צום האַנט,
אַ שרויף, אַ טייל, אַ צוואַנג...
זי וועט פון דאַנען נישט
אפילו אויף קיין טריט
אָפּטרעטן. גלייך ווי ער
וועט זי דאָ ביים געווער,
וואָס מ'האָט זיי אָנפארטרויט,
פארבלייבן ביז צום טויט

און אויספּילן איר פּליכט...
פון וואַנען קומט דאָס ליכט,
וואָס פלאַמט און העליש שיינט,
אויף פּנימער פול פּיין?
אפילו דאָס געשטאַלט
פון זיידן — גראָ און אלט,
און אויך פון טאַטן, וואָס
ס׳וואַקסט לאַנג שוין אויף זיי גראָז,
איז ליכטיק, לויטער, העל
און שטאַלץ אינעם געשטעל
פון זייער הויל געביין,
וואָס זעט זיך דורכן שיין
דורך דעם תכריכים-קלייד.
נאָר בלויז די מאַמע ליידט.
די מאַמע בלויז איז בלייך
און נישט צו קיינעם גלייך,
קוקט מישקען אין געזיכט
און דריקט זי פעסט צו זיך
מיט שטומען טרערנגאָס,
די יונגסטע טאָכטער, וואָס
די מאַמע האָט געהאַט, —
נישט אָט אַזוי זיך גלאַט
ב׳א בווישן טאָג און נאַכט
ווי אַלע קינדער אַכט, —
אין קרייץ פון פרייד און לייד.
אין זעלבן טאָג צעשיידט
האָט זיך דער טאַטע מיט
דער וועלט און זיינע טריט
אין יענער נאַכט פאַרוישט
האָט טויט און ס׳איז דער טיש
אין יענער סדר-נאַכט
פאַרשעמט געווען, געדאַכט

האָט זיך דער מאַמען דאַן,
קיין טרייסט איז נישט פאַראַן,
אויף אייביק אַלץ צעשטערט.
געדאַכט האָט איר, זי הערט
פון נאָענט דאָ און פון ווייט
דעם טאַטנס הילף-געשריי...
די גאַנצע שטוב פאַרפילט
זיין לעצט געשריי נאָך הילף.

נאָר אָט אין דער מינוט,
ווען אָפּגעגאַן אין בלוט
ער איז דאַן אין דער ווייט,
האָט זי דערפילט די פרייד
פון פרישן זיסן עול,
וואָס איצט צום ערשטן מאָל
דאָס ניי־געבוירנס נאָגט
די מאַמע-ברוסט... צו טאָג
צו, ווען דער ערשטער שטראַל
האָט קרום געטאָן אַ פאַל
אין קיך איבערן דיל

און מומע ראָכטשע שטיל,
נישט אויסגעשלאָפן פון
דער וואך-נאַכט וואָס אָן גרונט,
מיט אָפּגעדעקטע האָר,
געשעפּטשעט האָט פאַרזאָרגט
דער הייבאַם אסתּרל,
אַז גאָר זי איז שוין דול...
אַז ס'איז נישט צום פאַרשטיין
ס'זאָל יוספן וואָס זיין...
איר ברודער, וועמעס ווייב
האָט גרינג געהאַט, אַז ווי,
אַ מויד, אַ לאַכטיקייט...
איז מעגלעך, אַז די פרייד

זאל ווערן ביטער-גאַל
פאַר יוספן דעם בעל-
שמחה... און חנהטשע דאָ,
ס'זאָל גאָרנישט זיין די שעה, —
אַ קימפעטאָרן... ס'טרעפט,
דער שטן ווערט באַהעפט,
ביים העכסטן גליק פון מענטש,
צו אַלץ וואָס איז געבענטשט
געוועזן ביז איצט פון גאָט
און — ס'דרייט זיך איבער ס'ראָד,
רחמנא לצלן...
האָט פלוצים זיך געטאָן
אַן עפן אויף די טיר
און גלייך ווי ס'וואָלט פארפרירט
אַ לויפעדיקער טייך,
אַזוי איז זי פאַרקייכט
געבליבן מיט די רייד
און מיט פארשטיקט געשריי
און מיטן בלוט — פארשטאַרט.
דער דייטשער קאָמיסאַר,
וואָס איז איך שטוב אריין,
האָט אָנגעברענגט געוויין
אונז אויף אַ לעבן לאַנג.
ער האָט דערלאַנגט אַ בלאַנק
און אויסגעלייענט ר'האָט:
ס'איזט אייער פאָטער ט-אָ-ד-ט,
און פאַר דער מאַמען איצט
גייט אויף עס ווי אַ בליץ, —
דאָס זיבעצעטע יאָר —
די טרויריק-האַרבע וואָר, —
וואָס נאָך אים פינצטער ווערט,
ווי אין דער קבר-ערד.

גערדאַכטן האָט זיך איר,
אַז מיט אָט דעם פּאַפּיר
און אויך מיט זיך אַליין
פאַרשטעלט ר'האָט איר די שייך,
די זון פאַרלאָשן שוואַרץ
ער האָט און אויך דאָס האַרץ,
דאָס גרויסע מאַמע־האַרץ
האָט ער, דער דייטש, פאַרשוואַרצט...
און שטאַרקער נאָך צעפלאַמט
זיך און ס'ווערט אומגעצאַמט
דער העלער שׂרפה־פלאַם
פון האַס, פון שׂנאה־סם,
וואָס האָט געטליעט לאַנג
און מאָנט איצט און פאַרלאַנגט
אַ חשבון פארן טויט.
און כ'זע, די מאַמע הויבט
זיך אויף און לאַנגזאַם גייט
און נעמט פון שאַנק דאָס קלייד
ארויס, דאָס חופּה-קלייד,
וואָס איז געווען געגרייט
פאַר מישקען — ס'יונגסטע קינד,
און טוט איר אָן געשווינדט.
אליין אויך זי באַנייט
דאָס נייע יום־טוב־קלייד
און מאַמע מיטן קינד
געאַרעמט — איינס אַצינד,
זיי גייען צו ביינאַנד
צום טיש. די בלייכע האַנט
די מאַמע הויך פאַרהייבט.
באותו-רגע בלייבט
די שטוב פאַרגליווערט, שטיל.
איך פיל אַ ווינטל קילט,

פון פרילינג אויפגעפאַכט
און יעדער אויף זיין אַרט
פארוואונדערט קוקט, אַן רייד,
דאַ אויפן חופה־קלייד
דאַ אויפן יום-טוב-קלייד,
וואָס מאַמע-טאָכטער גייט
איצט אָנגעטון אויף זיך.
און פלוצים כ׳פיל, ווי איך
ווער אָפּגעטיילט פון זיי.
נאָר בלויז די מאַמע כ׳זע,
איך זע זי אזוי שטיין
און כ׳הער און כ׳הער און כ׳וויין.
איר קול האָט אַזוי זיס
נאָך קיינמאָל נישט געפליסט
פון אירע ליפּן בלייך —
ווי קוועלנדיק אַ טייך,
און אירע בלייכע הענט
צו אלעמען געווענדט
ווי פליגל או סגעשפרייט
צו העכסטן אויפפלי — גרייט
צו ברענגען זיך ביז לעצטס,
און אויך דאָס שענסט און ס׳בעסטס,
דעם יונגסטן קינדס פאַרמעג —
די כלה-מיידל-טעג —
אויף דעם מזבח — פיין
צו קרבן-עולה זיין.

אַלמאַ־אַטאַ, 44 — 1945.

# זורבה־שטיינער

# חלום־באלאדע

דער חלום נעמט מיך אָפּ
פון בעט, ווו כ׳ליג און שלאָף
פאַרמאַטערט מיד, ארויס
און פירט מיך אינעם הויז,
אין הויז פון טאַטע-מאַמע,
מיט גאַנצע פענצטער־ראַמען...
עס שטייט צעפראַלט און פריי,
ווער ס׳וויל קאָן דאָרט אַריין...

דאָס הויז, וואָס איז פאַרברענט,
שטייט ווידער ווי געווען.
נאָר קיינער איז נישטאָ.
ס׳איז פוסט. כ׳בין איינער דאָ.
כ׳דערקען די שטוב, די ווענט,
די בילדער-ריי וואָס הענגט
אַקעגן אויף דער וואַנט.
עס קוקט מיך אָן באַקאַנט
שפּינאָזע, ווילנער גאון
אין שווייגן — טונקלען גראָען.

דער חלום גרייט צום טיש
צוויי חלות, ווייַן און פיש.
(קיין ליכט זענען נישטאָ,
ס׳האָט אויסגעפעלט אין שטאָט).

כ׳נעם שרייען, רופן, וועקן:
— פון אַלע, אַלע עקן
קומט ווידער זיך צונויף
אַהער!... די היים גייט-אויף!

**לעבט-אויף!... ס'איז גרייט דאָס בעסט!...**
אַ וואַרע פּאר די געסט!

גאָר קיינער זעצט זיך נישט,
דער טיש בלייבט פּוסט דער טיש...
איך שריי, איך ווער נישט מיד:
— איין ייד, כאָטש נאָך איין ייד!..

און — ס'עפנט זיך די טיר.
דאָס בלוט אין מיר פאַרפרירט,
דאָס קול פאַרשטיקט אין קעל.
ס'באַווייזט זיך אויף דער שוועל
אין פראַק, צילינדער, — נעט
דער טויט — זיין מאַיעסטעט.

די חלות, וויין און פיש
פאַרשווינדן פונעם טיש.
די בילדער — קאַלט און פרעמד
פאַרלאָזן גלייך די ווענט.

איך שוויג. איך רוף נישט מער.
אַ גרויסע שווערע טרער,
זי פאַלט אַראָפּ און ווערט
אַ טייך פון בלוט אויף דר'ערד.

איך שטיי פאַרגליווערט שטאַר
אין אָנבליק פון געפאַר.

אויף טיש אַ רעפטל ברויט.
דער חלום. איך. דער טויט.

לאָדזש, 16 נאָוו. 1946

# צוויי אַלטע קאַשטאַנען אין גנעטא

וואָס טוען צוויי שטאָלצע קאַשטאַנען
דאָ צווישן מפּולתן-ווענט?
דאָ האָבן דאָך שטיינער געברענט
און הייזער געקראַכט אין די פלאַמען
מיט זייערע באַוווינער צוזאַמען,
וואָס האָבן די שׂרפה געבענטשט.

צוויי אַלטע קאַשטאַנען אין געטאָ.
איר האָט שוין פאַרגעסן ווי ס'האָט
צו אייך זיך געטוליעט אַ שטאָט.
אין פרילינג איר האָט מיט די בלעטער
באַשיינט זי, באַשאָטנט און שפּעטער
אין האַרבסט-צייט געטון אַ צעשאָט

די גאָלדענע בלעטער אַראָפּ זיי
צום טראָט-צו פון פרויען אין קרעפּ,
אויף קינדער, וואָס פלעגן אַ צעפּ
פאַרפלעכטן אַרום אייך און האָפּסען...
ס'פלעגט טיילמאָל דערשרעקן אַ ראָב זיי,
אַ שוואַרצער, אַ פויגלשער שוועב.

וואָס ווילן דאָ איצט די קאַשטאַנען?
צעצווייגטע מיט בלעטער געדיכט
זיי גרינען אַרויס אומגעריכט
פון גליווער-און טויט-פּאַנאָראַמע.
זיי שטייען אַזוי ווי געשטאַנען
זיי וואָלטן איצט פאַר אַ געריכט.

— וואָס קאָנט איר אונז זאָכן געהיימע
אַנטפּלעקן, דערציילן?.. איר שווייגט.
איר שטייט אַזוי טרויעריק פאַרנייגט

און אפשר איר פוילישע ביימער
אויך איר האָט געוואָרפן אַן אימה
מיט אייער געשטרעקטן געצווייג?...

איר האָט דאָך פאַרנומען מסתמא
די פּײַנען, געוויינען, געהויל;
ס'איז אייך דאָך באַקאַנט גוט דעם גרויל
פון קינדער, פון פרויען און מאַנען,
פון אַלע, וואָס פלעגן דאָ שפּאַנען
צום גאַזקאַמער — באָרוועס און הויל.

צו אייך דאָ אַהער מ'האָט געבראַכט דאָך
פון אויפשטאַנד די רעשטלעך — צום וואַנט
צו גאַנצע משפחות באַנאַנד, —
איר האָט דאָך זיי אַלע באַוואַכט דאָ,
צופיבנס אייך זיי אומגעבראַכט מ'האָט
בייטאָג און ביינאַכט — נאָכאַנאַנד.

און איר זענט געמיטלעך געשטאַנען,
ווי איצטער געבליבן איז געגרינט,
דעם חלום פון וואַקסן געשפּינט,
איר,
וואָס האָט זייער לשון פאַרשטאַנען, —
איר האָט דאָך באַדאַרפן פאַרוויאַנען
און אויסטריקענען ביזן גרונט.

איצט קרעכצן די אלטע קאַשטאַנען,
מיט זייער אומהיימלעך געריש
זיי קלאָגן און זאָגן נישט אויס...
אין אונז בלויז זיי וועקן, דערמאַנען ,
אַז דאָ איז אַמאָל וועַן געשטאַנען
די היים — אונזער וויג, אונזער הויז.

לאָדזש, 12 מערץ, 1947.

# משה טשעמאדאן

און אָט אַזוי, ווי יעדן טאָג,
פון וואַרשע קיין טרעבלינקע יאָגט
דער יידן־צוג, דער טויטן־צוג.
די פענצטערלעך, די טירן — צו
פאַרשפאַרט, פאַרשטיקט — קיין טראָפּן לופט.
מע שרייט, מע קרעכצט, מע וויינט, מע רופט...
נאָר קיינער הערט נישט זייער רוף...
אָן אָפּשטעל לויפט דער צוג, אָן רו,
מיט פרויען, מאַנצלייט, קינדער... פּעק
ס'איז שווער דער וועג און פרעמד דער וועג,
און אומבאַוווּסט און אומבאַשטימט,
דער גורל פירט זיי אַלע בלינד.
אַ מאַמע דריקט איר קינד צו זיך.
ז'איז געל און בלוי דעם קינדס געזיכט.
י שעפּטשעט אויסטערלישע רייד:
— מיין ליכטיקייט, מיין גליק, מיין פרייד...
ווער קאָן זי טרייסטן אין איר צער?
דאָס קינד איז טויט, אָן אָטעם, שטאַר.
זי לאָזט עס נישט פון האַנט אַראָפּ.
אַן אַלטער שלאָגט אָן וואַנט דעם קאָפּ.
אַ מיידל רייסט פון זיך דאָס קלייד,
און איינער דאַוונט שטילערהייט.
עס שניידט זיך אײַן אַ קול אַ האַרבס:
— ראַ־טע־וועטס! די מאַמע שטאַרבט!...
און ביי דעם פענצטערל אין הויך

פארעקשנט עמעץ פרווט זיין כוח.
ער רייסט און טרעט בישט אָפּ.
עס רינט דער שווייס אים — טראָפּ נאָך טראָפּ.
אַ פעסטער יונג מיט קודלעס האָר,
ר'האָט אויפגעריסן ס'פענצטער דאָרט,
אַ שטראָם פון ליכט און לופט האָט זיך
אַ גאָס געטון אויף זיין געזיכט.
און מיט די בלויזע הענט ער האָט,
גלייך ווי מיט צוואַנגען, שוין דעם דראָט
אַדורכגעביסן... און דער ווינט
ער לאַשטשעט זיינע האָר אַצינד
און רופט אים, רופט אים: — גיכער... שפרינג!...
נאָר ס'רירט זיך נישט פון אָרט דער יונג,
און ווי אין נאַכט אַ פייער-פונק,
לויכט אויף אַ פונק פון האָפענונג.
און עמעץ איז שוין אין דער העלפט
אויף יענער זייט, ווו וועלט איז וועלט.
און ס'לויפט מיט רעדער-טראַסק די באַן,
לויט היטלערס פלאַן, לויט דייטשלאַנדס פלאַן,
און פירט די יידן, פירט און פירט
פון ווארשע קיין טרעבלינקע...
ס'שפירט
זיך שוין דער ריח פון פאַרלענד,
פון מענטשן-פלייש, וואָס ווערט געברענט.
עס אָנען דאָך אַפילו שאָף
און שפירן פאַר געפאַר, דעם סוף...
— איי, גיכער! גיכער! גיכער! שפרינגט!...
צעהיצט, צעקאָכט, עס שרייט דער יונג
די האָר צעפּאַטלט פונעם ווינט.
עס שווינדלט קאָפּ און פיס... עס שווינדט
די גרינקייט פון אַ פעלד, אַ וואַלד...

דעם טאַטן קוילן — שטום, אָן קלאַנג.
געברענגט אין קעסעלע געקעכץ...
ר'האָט נישט געטון קיין פּיפּס, קיין קרעכץ,
ווען ס'האָט אין בונקער אים דער רויך
געשטיקט אין האלז... און שפּעטער אויך,
ווען מ'האָט געטריבן צו דער באַן —
געשוויגן אינעם טשעמאָדאַן
און נישט געטון זיך קיין באַוועג
דעם גאַנצן ברענענדיקן וועג.
אַ ייִנגעלע אַ גוטס אַזאַ,
אַן אויסגעהיטנס פון געפאַר,
אַ ייִנגעלע אַ גאָלדן קינד
און דאָס דאַרף אומקומען אַצינד...
— נו, מאַמעשי! דער טאַטע רופט...
מע דאַרף שוין שפּרינגען... קום שוין, נו...
נאָר אַז די גלידער זענען שווער
און ס'שפּאַרט פון אויג אַ לעצטע טרער,
אַ נישט־אַרויסגעוויינטע טרער,
אין שעפּטשע, ליפּן בלויז, — איך הער...
איך הער, מיין קינד, איך הער... איך הער...
נאָר ס'פאָלגן נישט די פיס שוין מער...
און ווי יוכבד האָט אַמאָל
אין קעסטעלע פון פּימפּסן־האָלץ
אַריינגעלייגט איר שיינעם זון,
איר אייגן קינד, איר משה, און
אַוועקגעלאָזט אים אויפן טייך...
אַזוי האָט איצט די מאַמע גלייך
מיט לעצטע כוחות — שטיל און שטום
דאָס זעלבע מיט איר קינד געטון.
די מאַמע עפנט דעם וואַליז
און לייגט דאָס קינד אריין — די פיס

צונויפגעקאָרטשעט, איינגעדרייט.
אַוודאי ווייסט עס און ס'פארשטייט,
דאָס קינד, ס'רעדט נישט ארויס קיין וואָרט.
עס נעמט פאר ליב די שווערע וואָר.
זיין לעבן איז אין אים געווענדט.
ס'פארשטעלט די אויגן מיט די הענט.
דער מאמעס בליק איז פינצטער, ווייסט
און שלינגט אים איין פון קאָפּ ביז פיס
פון אירע אויגן קוקט די שרעק...
פון זיך אליין פאלט צו די דעק.
מיט ציטערדיקע הענט, מיט אַנגסט
פאַרקלאַפּט די שלעסער און דערלאַנגט
אַרויף דעם שווערן טשעמאָדאן...
אַ הויב, אַ שיב, אַ וואָרף פון באַן...
און ס'רייסט דער ווינט און וואָיעט ווייסט,
די מאמע שטייט פארשטאַרט און שליסט
די אויגן צו, פארשליסט די ציין:
ס'איז קוים אין טשעמאָדאַן אַריין...
און פאלט אויף הינטערווילעכץ אָפּ
דער יונג דערהאלט איר פארן קאָפּ.
ער שרייט, ער וויינט, ער בעט: — געשווינד!
דערבארעם זיך... דאָס קינד... דאָס קינד...
זי פליסטערט: — כ'קאָן נישט... זעסט דאָך... שפרינג...
און נאָכן קינד שפרינגט נאָך דער יונג... — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

איצט זיצט דאָס יינגעלע פאַר מיר,
זיין שטומער בליק געווענדט צום טיר.
גלייך ווי ער וואָלט דערוואַרט פון דאָרט
זיין טאַטן מיט די קודלעס האָר.
ער קוקט מיט אויגן — קלוג און אלט:

— אַ סך פֿאַרהוילן האָט דער וואַלד...

נאָר מער נאָך אויפֿן באַנוועג איז
געבליבן.

און אַן אַלטער קריסט

פֿאַרביי איז שפּעטער אָט דעם וועג,
דעם טשעמאַדאַן, ווי אַ פֿאַרמעג —

אַ גרויס געווינס צו זיך אַהיים
ער האָט געבראַכט. און אין געהיים

די שלעסער אויפֿגעהאַקט און גאָר —
דערזען אַ יונג מיט שוואַרצע האָר.

דער אַלטער האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט
און ס'וייב געדרופֿן אין אַ זייט...

און אים אַ נאָמען האָט דער מאַן
געגעבן: משה טשעמאַדאַן.

* * *

און אויב, ווער ווייסט, זיין טאַטע לעבט,
פֿון באַנוועג זיך אָוועקגעשלעפּט...
און איז אַצינד פֿאַרוואָרפֿן ווו
און האָט פֿון בענקשאַפֿט נישט קיין רו.

ווער אפֿשר אים אַמאָל דער ווינט
פֿאַרטראָגן אָט דאָס ליד פֿון קינד.
און ער, דער טאַטע, וועט דערגיין:
ר'איז אויף דער וועלט מער נישט אַליין.

זיין שטאַם איז דאָ! זיין קינד איז דאָ!
ווי ער אַליין מיט קודלעס האָר.
זיין קינד וואָס ס'האָט דער טויט פֿאַרפֿאַלגט,
זיין קינד געהערט דעם גאַנצן פֿאָלק.

לאָדזש, אָקטאָבער, 1946.

# דאס קלאנגליד פון מיין טאטן אויפן גענשער בית־עולם

אויפן גענשער בית-עולם, קוואטיר הונדערט זעכצן
ליגט מיין טאטע שמואל-יוסף. דערנעבן, פון רעכטס אים

ליגט דער זיידע, די פעטערס, די גאנצע משפחה.
די פארגאנגענע דורות, פארקריצטע מיט שבחים,

האבן רויק געלעבט דא און רויק געשטארבן
אין די יארן די גוטע נאך פון פארן חורבן.

ניינצן-זיבעצן האט אים געבראכט דא אהערצו
מיט ילדה-באגלייט פון צעבראכענע הערצער.

פירנדרייסיק יאר לעבן, די יארן די שענסטע...
נאך אין יענער מלחמה דאס אומגליק געשען איז,

פאר די דורות אין שטיין דא פארקריצט ס'איז אין גראמען,
און יאר־איין און יאר־אויס פלעגט דא קומען די מאמע,

פלעגן קומען די קינדער וואס זענען פארבליבן —
פינעף יינגלעך, צוויי מיידלעך — די קינדער די זיבן,

ביזן חותם פון געטא אויף יארן פאטאלע,
ביזן שטורעם דעם גרויסן, דעם אומקום פון אלע,

און ווי נאך יעדן שטורעם — איז שטיל דא געווארן,
מ'וועט אויף ווייטער ס'באוויינען און קלאגן פארשפארן.

ס'שיינט א זון דא א וויסטע, ווי זאלץ איז דער רעגן,
שטום און וויסט און פארוואקסן די שטעגן און וועגן.

נאר מיין טאטע קאן רויק אין קבר נישט ליגן,
יעדן חצות נעמט זיין ניגון מיין חלום פארוויגן

און ער וויינט אויפן עלנט, וואָס ר׳דאַרף זיין פאַרלאָזן
און ער קלאָגט, ווי עס קלאָגן די הפקרע גראָזן.

ס׳קומט נישט קיינער אַהער דאָ, קיין שומר ביים טויער,
בלויז דער ווינט אין געוויש... טויזנט־יאָריקער טרויער

שפּינט אַרום, הילט אַרום, האַלט אַרום אַלע קברים —
דאָס געשטיין און געביין, וואָס ס׳באַהיט און באַוואָרנט,

ס׳זאָל דער הפקר נישט האָבן קיין דריסת־הרגל.
(כ׳זע דעם טאַטן צוקאָפּנס מיין קאַלטן געלעגער,

ער איז יונג און צעפלאַמט אַט אַזוי ווי ביים לעבן,
נישט קיין סימן פון צוריר פון הענט פון באַגרעבער).

— ווו זשע ביסטו, מיין קדיש, נאָך יאָרן נאָך זיבן?
פון די קינדער די זיבן אַליין ביסט געבליבן

און איך וואַרט און איך וואַרט... נישט דו קומסט, נישט דו ווייזסט זיך
ס׳גייט אַדורך חודש אלול, ס׳גייט דורך ערב־פּסח,

נישט מע זעט דיך, נישט מ׳הערט דיך, ווי ס׳בענקט זיך שוין הערן
מ׳יר דיין אל מלא רחמים... איינזאַפּן די טרערן.

דו, מיין זון, אויסדערוויילט ביסט פון פאָלק אים צו לויבן,
מיט בטחון באַפליגלען, פון שאול אים דערהויבן,

ס׳זאָל נישט איבערגעריסן דאָ ווערן די גזע...
אפשר האָסטו פאַרגעסן דעם גאַנג פון מעת־לעתן

און דעם גאַנג צו דיין טאַטן, די קברים־אַלייע —
פאַרגעדענק זשע דאָס יאָר און דעם חודש — די רייע...

קום אַהער זיך פאַרטרויען דעם וויי, וואָס טוט וויי דיר,
קום זיך דורכשמועסן וועגן דיין זון און דיין נדר...

וועגן אַלע די ספקות, וואָס רעכט און וואָס אָסור,
ווי דיין מאמע אַמאָל וועגן גליק און פרנסה.

כ׳וועל דיר ראַטן אַזוי ווי אַ טאַטע קאָן ראַטן,
כ׳וועל פאַרטרייבן פון דיר, פון דיין זאָרג יעדן שאָטן

און אַוועקגיין פון מיר וועסטו שטאַרק דאַן, געקרעפטיקט
און צוריק זיך מיט פאָלק און מיט לעבן באַהעפטן״...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף מיין גוף דריקט די נאַכט און די קעלט און דער עלנט,
נאָר אין אָדערן ס׳בלוט וויל נישט אויפהערן קוועלן.

כ׳זע דורך פינצטערניש וויט, דורך פאַרלוירענע שפורן,
דורך באַקבר׳מטן פעלד, דורך מצבות־קאָנטורן, —

שטאַרט ארויס, לייכט אַרויס אַט דער שטיין צווישן שטיינער,
קלאָגט דער שטיין, קרעכצט דער שטיין, קרעכצט אריין אין די ביינער:

— „כ׳דאַרף ס׳זאָל זיין דיין געוויין, ווי אַ טוי אויף מיין קבר,
ביסט דאָך בלוט פון מיין בלוט, אבער ביסט פון מיין אבר.

וואַהין ווילסטו פאָרן, זיך וועגדן און קערן
הייב דיין בליק, דו דערקענסט נישט די היימישע שטערן,

וואָס דו פלעגסט זיי אין ווינטער־נעכט קלייבן און ציילן
און אין חדר די יינגלעך מיט שמחה פאַרטיילן

און די אָרעמעלייט אויף די ראָגן, ווען עלטער
ביסט געוואָרן, בר־מצווה, אַ חתן... די וועלט דיר

האָט מיט חסידישן ברען דאַן אַנטקעגנגעהאָפסעט
און פאַרשיכורט פון פרייד האָסט געשריגן: — איך האָב זיי

אַלע שונאים, אין דרערד! לאָמיר יידן זיך פרייען!
לאָמיר אויפשטעלן דורות, דער שטאַם זאָל געדייען

און נישט טראַכטן דערפון, וואָס דער שונא פאַרטראַכט האָט,
ס׳איז געגנוג בלויז, וואָס ר׳איז אונז אין האַרצן פאַרמאַכטעט.

און אַזוי האָבן האָפּערדיק יידן געמערט זיך
און פאַרגעסן אין פיינט, נישט געקלערט, וואָס ער קלערט זיך...

ווען אפילו די האק ר'האָט אויף זיי שוין פאַרהויבן,
איז נאָך אַלץ נישט דערשיטערט אין זיי זייער גלויבן.

משה-אברהם, משה-אברהם! ביסט פאַרקניפּט מיט דער עדה,
גיב אַ קוק אויף דער ריי, אויף די דורות, די זיידעס.

אויף די יידן די אַלע, די פרומע און פּראָסטע,
די גדולי-הדור, די באַזינגער אָט האָסטו...

כ'האָב געפריידט זיך מיט דיר, אויף די הענט דיך געטראָגן...
וואָס קאָן מער דען אַ טאַטע ווי מוסר-רייד זאָגן.

כ'האָב דעם צער גידול-בנים אזויפיל געהאַט אים,
זאָג, אויף וועמען אַצינד לאָזסטו איבער דיין טאַטן?

פון דער גאַנצער משפחה, דעם בוים דעם צעצווייגטן —
דו אַליין ביסט געבליבן — דער שורש, וואָס ווייטיקט...

ווער וועט קומען מיר זאָגן: — שלום לך, אבי מורי!
און אַ פאַל-טון צום שטיין און באַוויינען מיין גורל

און דעם גורל פון דור, וואָס באַשאַפן איך האָב אים,
ער זאָל טראָגן מיין נאָמען דורך דורות און האָבן

אויך אַ חלק אַ גלייכן אין פאָלק, אין זיין קיום,
אין זיין אויפשטייג-נסיון, אין וועלקן און בליען...

אָט אַזוי רעדט דער שטיין און איך הער ווי פאַרמשפט.
כ'זע די שטוב: די קרעדענץ, די צוויי שענק און דאָס טישבעט —

מיין געלעגער צעוואַרעמט פון מיינע חלומות.
אַלצדינג בלאַנקט דאָ, אויף יום-טוב די שטוב אויפגערוימט איז.

ס'איז די ערשטע נאַכט פּסח. צום סדר געגרייט איז.
ס'ברענען ליכט אויפן ט"ש, נאָר דער פלאַמענשיין ווייט איז.

דאַ ביים טיש זיצן אַלע — די גאַנצע משפּחה.
כ'איז די מאַמע אַ פרײדיק-צעשײנטע, פאַרפאַרעט...

אירע הענט, איר געזיכט, ווי דאָס ליכט אַזוי לויטער,
סאַראַ פרייד אין די אויגן ביי אַלע!... איך שוידער...

כ'ווייס זיי זענען דאָך טויט, נאָר איך מאַך זיך נישט וויסן...
יעדער איינער דערציילט מיט אַ פרייד אַזאַ זיסע,

ווי אַזוי ר'האָט פון טויטקלעם ארויס זיך געריסן,
ווי אַמאָל ס'פלעגט דער טאַטע דערציילן די נסים

פון יציאת-מצרים... דערציילט מומע לייטשע:
— „נאָכן שיסן כ'שטיי אויף... כ'זע: עס שטויגען די דייטשן...

און איך גיי זיי פאַרביי — אַזאַ שטאָלצע און גלייכע
און נאָך מיר שטייען-אויף אַלע יידן און שלייכן

זיך אַוועק פונעם גרוב, ווו מען האָט זיי דערשאָסן,
און ביים גרוב, וואָס מיר האָבן אים נאַרוואָס פאַרלאָזן,

בלייבן איבער די דייטשן בלויז — שוואַרצע ווי שאָטנס...
אָן אַ וואָרט זיי פאַרזינקען און ווערן פאַרשאָטן...

און מיר גייען אַהיים און אָט ביז איך געקומען.
אויף דער האַנט איז מיר איבערגעבליבן דער נומער"...

ס'זעצט די מאַמע זיך צו אויבנאָן קעגן שפּיגל
און שפּרייט אויס אירע בלענדיקע הענט ווי די פליגל.

מיט איין האַנט נעמט זי טאַבטשען אַרום, מיט דער צווייטער
נעמט זי מישקען ארום — אירע טרייע באַגלייטער

אויפן וועג ביז טרעבלינקע, ווו מ'האָט זיי, די טעכטער,
מיט דער מאַמען צעשיידט, ווייל זיי האָבן די וועכטער

גלייך אין פּנים געשפּיגן...

— „כ'האָב אייערע געוויינען

און געשרייען געהערט אוי, געהערט, טעכטער מיינע,

אייער פיין און געוויין האָט פאַרהילט אייער מאַמען,
כ'האָט מיין לייב מיר געקילט, מיך געשיצט פון די פלאַמען

און כ'בין גאַנץ — שיינט די מאַמע — אַרויס פונעם שייטער.
פאַרברענט האָבן בלויז זיך אויף מיר נאָר די קליידער".

מיינע ברידער די צוויי פאַראַמאָל זיך צערעדן:
— „מ'האָט אונז אויסגעלייגט... רייענווייז... מ'איז אויף אונז געטרעטן

אָט אַזוי ווי אויף שטיינער... געוויינלעך... און שפּעטער...
אונז באַגאָסן מיט סמאָלע... באַלייגט אונז מיט ברעטער...

שיכט אויף שיכט... ריי נאָך ריי. . נאָר אונז נעמט נישט דאָס פייער...
ס'האָט די סמאָלע געברענט... מיט די ברעטער... די רייען.

און דער ווינט האָט דאָס פייער געריכט אויף די דייטשן
און געשמיסן אין פּנים זיי גלייך ווי מיט בייטשן".

שטיי איך אויף, איך ווער קליין און איך ציטער אינגאַנצן:
— „זאָל דאָס אָרט, וווּ איך שטיי, זאָל דאָס אָרט אונזער ראַנד זיין!

פון דעם שטאַם דעם צעצווייגטן, צעבלעטערטן, גרויסן
זענען בלויז מיר אין דרייען געבליבן פון אויסן,

מיר, די ברידער די דריי — איר געדענקט זיי מסתמא —
ביל דער עלטסטער און מאַטע דער יונגסטער — פונדאַנען

זענען ווייט... אין די לאַגערן כיל איז פאַרוואָגלט,
ס'האָלט אים דאָרט נע-וונד צו דער נאָרע פאַרנאָגלט

מיטן ווייב מיט די קינדער אויף ערד, וואָס אין חרם,
וואָס זשע קאָן ער זיך העלפן — ער האָט דען אַ ברירה?

אונזער ברידער דער יונגסטער אַוועק איז באַצייטנס
און געפינט זיך ביז היינט אין דעם לאַנד, וואָס פאַרבייטן

עס מיר וועלן מער קיינמאָל נישט מיט קיין שום אַנדיער,
דאָרט דער ברעג איז פון אונזער לאַנג-יעריקן וואַנדער

און ער רופט מיך אַהין און באַשווערט מיך, כ׳זאָל קומען...
נאָר פון אַט דער מינוט, ווייסט, איך האָב נישט קיין רו מער,

ווי מיר! ווי קאָן איך לאָזן אייך אַלע דאָ איבער?
ווער וועט וואַכן אויף אייך? ווער וועט היטן די גריבער,

די, וואָס זענען פאַראַן און וואָס זענען פאַרהוילן?
ווער וועט קומען צום שטייך אויפן גענשער בית-עולם?

ווער וועט קומען און זאָגן: — שלום לך, אָבי מורי?
הייסט מיך אַלע דאָ בלייבן — מיט אייך איז מיין גורל,

מיט מיין גורל איז אייער געדעכעניש אייביק.
וואָס זשע קוקט איר אויף מיר מיט פאַרשניטענעם ווייטיק?

וואָס זשע שוויגט איר פאַרביסן? וואָס זענט איר פאַרטרויערט?
ס׳הייסט דער טאַטע מיך בלייבן און איר?... איר באַדויערט,

וואָס כ׳געפין זיך מיט אייך דאָ אין ליכטיקן חדר
און איך טראָג אויף זיך גלותדיק-וואַכיקע קליידער...

ווי צערינט איר? איך זע אייך נישט... ווו זענט איר אַלע?... — —
ס׳בלענדט אין חושך אין אויג מיר אַ קניילעכל שטראַלן.

כ׳שטיי פאַרלאָזט פון דער גאַנצער משפחה-קדושים,
און פון גענשער בית-עולם דערטראָגט זיך דאָס רוישן

פון די ביימער-אַלייען און קברים-אַלייען
און פון טאַטנס געוויין — כ׳קאָרטשע זיך איינדרייען.

כ׳בין דער דור אויפן שיידוועג פון צווייערליי וועלטן
ווער ס׳וועט וועלן מיך בענטשן און ווער — מיך פאַרשעלטן.

ס׳האָט דער פרילינג-ווינט פריי מיר די טיר אויפגעעפנט,
נאָר איך קאָן דאָרט אַהין צו דער טיר מער נישט טרעפן.

לאָדזש, דעצעמבער, 1947.

# א י נ ה א ל ט:

*
* *


דאָס ליד

## שפּיל-אויף, ארקעסטער!

ווייפל מיילן . . . . . . . 9
חלום . . . . . . . . 10
באַלאַדע פון פאַרבלוטיקטן היטל . . . . 11
ליד צום איינזאַמען פויגל . . . . . 13
באַלאַדע פון רידל, פון ערד און פון זיך . . . 15
ליד וועגן שטאַרבן . . . . . . 17
שפּיל-אויף, אָרקעסטער! . . . . . 18

## אַמאל איז געווען אַ מעשה

אַז איך וועל אויסוואַקסן . . . . . 21
ליד וועגן אַ הונט און אַ קינד . . . . . 23
באַלאַדע פון גאַרדעראָביער . . . . . 25
איך — דער פרינץ פון סמאָטשע גאַס . . . . 27
דער חלום . . . . . . . 29
די פשעקופּקע מיטן קיישל גרינס . . . . 30
דער הע.פאַנד פירט דאָס קינד צו די שטערן . . . 32
באַלאַדע פון דער מאַמע מיט דער טאָכטער . . . 33
באַלאַדע פון ייד מיט די פאַלשע ברילאַנטן . . . 35
כ'האָב די פרייד פון מיין ליד . . . . . 38
כ'האָב היינט אַ פאַרהאָרעוועט פערד . . . . 39
ווען נישט . . . . . . . 40
וואָס זאָל דער לאָמער טון? . . . . . 41

הערבסט . . . . . . . 42
לוויה . . . . . . . 43
רעגנליד . . . . . . . 44
רויבפייגל . . . . . . . 45
**אמאָל איז געווען אַ מעשה** . . . . 47

א) יינגל־יאָרן
ב) נסיון
ג) דעם פעטער נאָטעס טאָכטער
ד) די אַלט־יידישע שטיבן
ה) ביי דער ווייסל
ו) דער לעצטער דייטש


## געמאסטענע טריט

**(תפיסה־לידער)**


דערמאָנונג . . . . . . . . 61

I. אַ הימל אין אַ שטעטעלע . . . . . 62
II. וואָיען ווינטן . . . . . 63
III. כ'האָב די בענקשאַפט . . . . . 64
IV. נאַכט . . . . . . 65
V. אַ חבר הוסט . . . . . 66
VI. אויף די נאַרעס . . . . . 67
VII. אויף אַ זעונג . . . . . 68
VIII. ס'איז די שטילקייט דאָ . . . . . 69
IX. עקזעקוציע . . . . . . 70
X. ס'טונקלט זיך דער שליאַך . . . . . 71
XI. פרילינג . . . . . . 72
XII. שפּאַצירגאַנג . . . . . . 73
XIII. אַרעסטאַנט . . . . . . 74
XIV. וועכטער . . . . . . 75
XV. מיטן עטאַפּ . . . . . . 76


## מגילת ייד


דאָס ליד פונעם ייד, זיין גילדערנער באָרד און דער טערקישער שאַל 79
ד יי ן . . . . . . . . 106

## בלוט פאַר בלוט


| | |
|---|---|
| כ׳בין אין חלום געווען ביי דיין שטאַרבן | 111 |
| האַרבסט־מאָטיוו | 112 |
| באַלאַדע פון מענטש מיטן שיסעלע זופּ | 113 |
| באַלאַדע פון פיר יונגען אין אוזבעקישער שענק | 116 |
| אויפן ווייסן אייזעלע וויגט זיך דער אוזבעק | 120 |
| אַלמאַ־אַטאַ אין נעפּל | 124 |
| צוועלף עפּלביימער | 126 |
| ס׳איז דיין שיינקייט מיר דערווידער | 127 |
| באַלאַדע פון העלד, וואָס געזעגנט זיך מיט זיין ווייב פאַרן גיין אויפן פראָנט | 128 |
| פון מיטלאַזיע ביז קרוינפּוילן — מיין היים | 131 |
| באַלאַדע פון דריי רויטאַרמייער, דעם שטאַב־דייטש און זיין סוף | 133 |
| באַלאַדע פון דייטשל אין רויזן פאַרנאַכט | 138 |
| ׳בלוט פאַר בלוט | 141 |


## חורבה־שטיינער


| | |
|---|---|
| חלום־באַלאַדע | 155 |
| צוויי אַלטע קאַשטאַנען אין געטאָ | 157 |
| משה טשעמאָדאַן | 159 |
| דאָס קלאָגליד פון מיין טאַטן אויפן גענשער בית־עולם | 166 |

### פון זעלבן מחבר דערשינען:

**ווייסע פרימאָרגנס** (לידער) – וואַרשע, 1931.

**מאָקעם** (פּאָעמע פון אַלטשטאָט)–ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1936.

**לירישע באַלאַדן**–מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס“, מאָסקווע, 1940.

### פאַרפאַלנגעוואָרענע ביכער:

**אַמאָל איז געווען אַ מעשה**
אין וואַרשעווער פענקלוב אין 1939.

**אָט דאָס איז דאָס לעבן**
אין מינסקער ווייסרוסישן מלוכה־פאַרלאַג אין 1941.